STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13582

YANKEL BOYLE

Leon Kobrin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאנקעל בוילע

פון דעם אידישען פישער לעבען אין רוסלאנד.

און אנדערע ערצעהלונגען.

פון

לעאן קאברין.

פרייז 25 סענט.

REALISTIC LIBRARY.
Issued quarterly.
Vol. 1, No. 1. October, 1898.
Subscription, $1.00 per annum.
Leon Kobrin, Publisher.
Office, 10 Cannon Street, New York.

Entered at the N. Y. Post Office as second class mail matter.

A work of real value and importance.

A HISTORY OF THE

COMMUNE OF 1871.

translated from the French of

LISSAGARAY

BY ELEANOR MARX AVELING.

8vo, 515 pp., clear and large type, Cloth, $1.00.

The only reliable and authentic narrative of this remarkable movement of '71.

The International Publishing Co.,
23 Duane Street,
New York.

יאנקעל בוילע

פֿון דעם אידישען פֿישער-לעבען אין רוסלאַנד.

און אנדערע ערצעהלונגען

— פון —

לעאן קאברין.

נויארק,
דרוק פון ג. ראבינסאָן, 322 טשעררי סטריט.
1898.

This book
once owned by a South African reader
has been presented
for future use to the
National Yiddish Book Centre of Amherst, Mass. USA

Jewish Studies Library of the University of Cape Town
Jacob Gitlin Library, Cape Town
Cape Town Yiddish Cultural Federation

געווידמעט צו זיין פרוי,

פאלינא קאברין,

(געב. סעגאל,)

אלס צייכען פון טיעפסטער ליעבע און אכטונג,

פון דעם פערפאסער.

אנשטאט א פאר־רעדע.

דיא בעסטע מעלה פון יעדער פאָר־רעדע איז—זיא זאל זיין קורץ. איך וויל מיין הקדמה זאל אם ווענינסטען דיזע מעלה האבען און דערפאר פאנג איך אָן פון נח'ס תבה.... איך מוז אייך דערמאָנען, וואס עס שטעהט אין דער אלטער סדרה „נח"....

א לאַנגע אונגעלומפערטע שיף, וועלכע האט געהאט נאר איין פענסטעריל, האט זיך אומגעטראָגען איבער דיא וואַסערן פון מבול. וואס איז ניט געווען אין דער תבה? יעדע בהמה טהורה, בהמות וואס זיינען ניט ריין, עופות, שרצים.... שם, יפת און דער בעריהמטער חם.... צום ערשטען מאָל, ווען דער זיידע נח האט ארויס געשיקט א טויב זעהן וואס הערט זיך מיט'ן מבול—זאגט דער פסוק—האט דיא טייבעלע ניט געפונען קיין אָרט וואו צו רוהען און האט זיך אומגעקעהרט אין תבה, דעם צווייטען מאל האט דיא טויב געבראכט א אייל־בערט בלאט, צום דריטען מאל האט זיך דיא גזייבעלע צוריק אין תבה ניט אומגעקעהרט.... א אלטע, אלטע געשיכטע....

אַזוי וויא נח'ס תבה טראָגט זיך אום דיא אידישע ליטעראטור איבער דיא פערפלייצטע אידישע פעלדער.... אלע אידישע גראָבע־רוקענדיגע, בהמה טהורה'־דיגע, ביכער, בהמה טמאה'דיגע נסים און מעשות, שונדיגע שרצים, שווינדעל עופ ת, קריכעדיגע תיות פון חניפה ליטעראטור, מליצה פון „רמש האדמה". חם שווימט צוזאמען מיט שם און יפת'ן, דיא וואסערן רוישען, דיא בהמות מעקען און הירזשען, דיא תבה ווארפט זיך אום איבער דיא כוואַלעס און דיא מענשען קוקען נעבעך אין דעם קליינעם פענסטער'ל צו זעהען, ווען וועט שוין דיזע פערפלייצונג זיך ענ־דיגען און א געטליכע שטימע וועט ערשאלען מיט דיא ווערטער: „צא מן התבה!"...

אזעלכע אויסגאבען וויא דיא, צו וועלכע איך שרייב מיין פאָר־רעדע, זיינען דיא ערשטע ליטעראַרישע טויבען, וועלכע ווערן ארויסגעשיקט פון דער אונגעלומ־פערטער תבה צו זעהען — האט זיך שוין דיא פערפלייצונג געענדיגט, אדער נאָך ניט? — איינינע פון זיי האבען זיך אומגעקעהרט צוריק אין דער תבה, ווייל זיי האָבען ניט געפונען צווישען דיא אידישע לעזער קיין מנוח לכף רגלם.... ווער עס בעאָבאַכטעט אבער, וואס פאר א ריכטונג דיא אידישע ליטעראטור נעהמט דאָך אין דער לעצטע צייט, וועלכע נייע און פעהיגע ליטעראַרישע קרעפטע עס ווערען געבוירען, וועלכע אמת'ע פּאָעטען און אמת'ע דיכטער בליקען ארויס דורכ'ן פענס־טעריל פון דער תבה און ציהען זיך צו דער גרויסער וועלט, צום ליכט און זאָנענ־שיין, — דער מוז פערשטעהען, דאס ניט לאַנג נאָך קען דויערן דער מבול און ניט לאנג נאָך וועט אלעס לעבעדיגעס, וואס דיא אידישע פעדער שאפט, זיך קענען אויפהאלטען נאר אין דער אלטער תבה.... זאל דאס ביכעל פון לעאָן קאָברין זיין ענדליך דיא טויב, וועלכע וועט שוין קומען מיט'ן עלה זית טרף בפיה.... עס איז שוין צייט.

יעקב גארדין.

7'טען מערץ
New York.

יאנקעל בוילע.

(אַ ראָמאַן אויס דעם לעבען פון דיא אידעשע פישער אין רוסלאַנד).

1

עס איז געווען אַ שיינער זומער פריהמאָרגען אין מאָנאט יון פון 1890 יאָהר.

דיא פישער האבען זיך שוין צוריקגעקעהרט פון זייער ביינאַכטיגע ארבייט און זיינען געזעסען אלע ארום א לאַנגען טיש אין זייער הייזקע, וואס איז געשטאַנען אויפ'ן בארג ביים אָזערא.

אויפ'ן טיש איז געשטאַנען א גרויסער סאַמאָוואר, האט געקאָכט און האט געפייפט זיין איינטאָניגע ליעדעל. דיא פישער האבען געטרונקען טעה.

דאָ איז געווען דער הויפט פישער הירש בער, אַן אלטער 65 יאהריגער איד, א הויכער מיט ברייטע פלייצעס מיט א שווארצען, פארברענטען פנים, מיט נאָך זעהר לעבעדיגע, לאַכעדיגע אויגען פון אונטער גרויסע, אנגעשטעלטע ווייסע ברעמען, מיט א לאַנגע ברייטע ווייסע באָרד. ער האט צוגעהונקען אויף דיא לינקע פוס. ער איז געווען זעהר א פרייליכער אלטינקער, האט ליעב געהאַט דעם כוס, האט געשמעקט טאַבּאַק, פלעגט תמיד פערלירען כלומרשט זיין טאבאק פושקע, וועלכע ער פלעגט נאכדעם זוכען ביי דיא פויערטעס אונטער בוזים. ער איז געווען אַ בריה א פישער און האט געקענט דיא אָזערא, וויא זיינע פינף פינגער. ער האט געוואוסט, וואו דיא אזערא איז טיעף און וואו זיא איז ניט טיעף, אויף וואָס פיר אַן אָרט אין אזערא ליעגען שטיינער און וואָס פאר אַן אָרט איז גלאַט — זאכען, וועלכע זיינען פיר א פישער זעהר נויטיג צו וויסען, ווען ניט, קען ער נאָך ארויפגיין מיט זיין נעטץ אויף שטיינער און קען איהם צורייסען אדער פארלירען איהם אין גאנצען אונטער דיא שטיינער. ביים בעל הבית איז ער דארום געוועזען זעהר טייער און ער פלעגט קריגען מיט גאנצע פינף רוביל א חודש מעהר שכירות, וויא דיא אנדערע פישער. אלע פישער פלעגען קריגען 7 רוביל א חודש און הירש בער פלעגט קריגען זיינע 12 רובעל שכירות. דערפאַר איז אויף איהם געלעגען דיא פעראנטוואָרטליכקייט פאַר דעם געוואַד, פאר דיא ארבייטער — ער האָט געקענט אָפּזאָגען און

צונעהמען ארבייטער. דער בעל הבית אליין האט געוואוינט אין וויטעבסק, דרייסיג וויאָרסט פון דיא דאָרף חאָלם, וואו דיא אזורא איז געלעגען, פלעגט זעלטען קומען אויפ׳ן אָזורא, ווייל אין אלעם האט ער זיך פארלאָזען אויף הירש בערן.

אין דיזען פריהמאָרגען איז דער בעל הבית דא אויך געוועזען.

ער איז געזעסען געגען הירש בערן אויף דעם אנדער זייט טיש און האט געטרונקען טעה. ער איז געוועזען א ברייטער, קיילעכדיגער אידעל מיט א שפיטציגע שווארצע באָרד און האט אויסגעקוקט פון א יאָהר 45. ער איז געוועזען אנגעטאן אין א שווארצע גלאנציגע, אטלאסענע זופעצע מיט א יארמעלקע אויפ׳ן קאָפּ; ער האט געהאלטען אויפ׳ן דלאָן א אָפּגעקיהלטע גלאָז טעה, גראדע וויא ער פלעגט האלטען אין דער היים זיין כוס וויי, ביים קידוש אדער הבדלה מאכען — האט געזופט לאנגזאם, וויא א בכבודיגער איד, האט שוועהר געסאָפּעט, צו פון צופיעל אויסגעטרונקענעם טעה צו פון גרויס היטץ....

ביי זיין לינקער האנד לעבען איהם איז געזעסען חאצע טריינעס, א דארער אידעל פון א יאהר 40 מיט א נארישען געשטופעלטען פנים, מיט א געלבע, קאלטאוואטע בערדעל. ער איז געזעסען אין איין העמד, א שווארצע פון גראָבען לייווענד, מיט א לאנגען ארבע כנפות פון אויבען, א געלב-זיכטיגען און א צוטרענטען פון אלטקייט. ער האט געהאלטען זיינע בײדע עלענבויגענס אנגעלויגט אויפ׳ן טיש נעבען זיין גלאָז טעה, האט צוגעבויגען זיין קאָפּ ניעדריג צום גלאָז, האט אין איין אָטהעם געזופט מיט דיא ליפּען דעם טעה, פארנעצענדיג זיינע וואָנצעס.

קעגען חאצע, אויף דעם אנדער זייט טיש, נעבען הירש בערן, איז געזעסען זלמן צירעלס — א געזונדער חברה מאַן פון א יאָהר 25, מיט ברייטע ביינער, מיט א רויטען, פארברענטען פנים, מיט א יונג, שווארץ, רונד בערדעל, מיט גרויסע, גרויע, קייכעכדיגע און לעבעדיגע אויגען. ער איז געוועזען אָנגעטאן אין א שווארצען זשילעט, האט געריבערט א פאפיראָס, האט געקוקט אויפ׳ן בעל הבית און יעדעס מאָל, ווען יענער פלעגט א סאָפּע טאָן, פלעגט זלמן מאכען א מינע, אזוי וויא ער אליין ווערט דערשטיקט פון היטץ, פלעגט קנייטשען מיטן שטערן און פלעגט מאכען: „הו-הא, סרא היטץ, טאטעלע!‟ און פלעגט ווישען מיט׳ן ארבעל דעם שטערן.

ביים עק טיש איז געזעסען איוואן — א פינף און פערציג יאהריגער פויער, א מעלאנכאָלישער, שטילער מענשעל מיט פארשלאָפענע אויגען. ער איז געזעסען א בארפוסער, פארלייגט א פוס אויף א פוס, אין א לייוועדנער העמד, אונטערגעבונדען מיט א דינע שטריקעל. דיא לאנגע שווארצע האר פון פאָרענט זיינען געוועזען צוּוואָרפען איבער דיא אויגען און האבען געגלאנצט פון שוויים. פאר איהם, אויפ׳ן

ברעג טיש, איז געשטאנען א הייסע גלאָז טעה, פון וועלכע עס האט זיך געצויגען א פארע. איוואן האט זיך אנגעשפארט מיטביידע הענד אָן באנק, וואו ער איז געזעסען, האט אויסגעצויגען דיא האלז, האט צוגעבויגען דעם קאָפּ, דעם מויל צום גלאָז און האט גענומען שטארק בלאָזען. נאכדעם האט ער א זופּ געטאָן פון גלאָז, האט זיך א כאפּ געטאָן צוריק, האט גענומען דרעהן מיטן צונג, אקוראט וויא ער וואלט ארייגעכאפּט א הייסע קויל אין מויל, האט ווידער גענומען בלאָזען אויפ'ן גלאָז מיט נאך מעהר כחות, האט געזופּט און האט געפרייעט.

לעבען טהיר, אין א ווינקעל, איז געשטאנען נאטאשא, דיא פישערס דינסטמיידעל — א געזונדע, יונגע, דיקע פויערען מיידעל מיט זעהר א הויכען בוזים, מיט רויטע באקען, וויא א פּאָר שיינע רויטע עפּעל, און מיט בלויע אויגען. דיא לייווענטענע קליידעל אין קעסטעלאך איז ביי איהר פון פאָרענט געווען אונטערגעקאשערט; דיא באָרפוסע פיס רויט און קויטיג ביז ארויף. זיא איז געשטאנען און האט געשיילט קארטאָפּעל. צייטענווייז פלעגט זיא מיט איהר עלענבויגען א פיהר טאָן איבער איהרע בלאנדע האר און איבער איהר פארריסענעם נעזעל

דיא פענסטער פון שטיבעל זיינען געווען אָפען. עס האט זיך געזעהן פון ווייטען דער נעוואָד, וואס האט זיך געטריקענט אויף פלעקער לינקס אויפ'ן בארג, און דער ווייטער צווייטער ברעג פון אזערא, וואס האט געבלישצעט וויא א שפיעגעל מיט לאנגע גאלדענע פאסען פון דיא זון. פון א ווינקעל לעבען א פענסטער האט זיך געצויגען לאנגע, ברייטע פינקעלענדע, ליכטיגע פאסען, וויא פון אן אויסגעשאָטענעם גאלדענעם שטויב, פון דיא זון... צייטענווייז פלעגט זיך דערהערען א ווייטער בילען פון א הונד, א ראָווען פון א בהמה, א הירזשען פון א פערד, א קלאפען פון דיא רעדער פון א פערבייפאָהרענדען וואָגען....

פּלוצים איז פערביי פענסטער דורכגעלאפען א שווארצער שאָטען. הירש בער מיטן בעל הבית האבען זיך אומגעקוקט. צום פענסטער פון בארג צו איז צוגעגאנגען א הויכער, שלאנקער יונגער מאן מיט ברייטע פלייצעס, אנגעטאן יום-טוב-דיג, אין א שווארצען טריקאָענעם פּידזשאק מיט א רויטע, געבלומטע טיכעל ארום האלז און אין לאנגע שטיוועל, נור וואס אויסגעשמירטע מיט דיעגעכץ, מיט א בלויליכען גלאנץ און מיט הויכע קאָרקעס.

ער האט ארייגעשטעקט דעם קאָפּ אין פענסטער און האט ארויסגערעדט מיט א דיקע באס-שטימע:

— גוט מאָרגען.

זיין רויטער, ברייטער פּנים האט בשעת מעשה גוטמוטהיג געלאכט, זיינע קליינע אויגלאך האבען זיך געזשמורעט.

— הא, אן אורח.... בוילע! האָט אויסגעשריען הירש בער, קוקענדיג אויף איהם מיט זיינע לאכעדיגע אויגען: — וואס מאכסטו עפּעס, יאנקעלע?

דער יונגער מאן האט א לאך געטאָן אין זיך, האט זיך אויפגעהויבען, האט גענומען גיין אין הויז. באלד האט ער געעפענט דיא טהיר, האט, פארבייגייענדיג א ווינק געטאָן צו נאטאשא מיט א אייגעל, איז צוגעגאנגען נעהענטער צום טיש, האט זיך געזעצט רייטענדיג אויף א קליין ביינקעל און האט נאך אמאָל געזאָגט: — גוט מארגען.

— ברוך הבא, א איד! האט הירש בער געענטפערט, ארויסנעהמענדיג מיט צוויי פינגער א שמעק טאבאק פון זיין קאָרע פושקע, האט פערזשמורעט דיא רעכטע אויג, האט אריינגעשפּארט דיא טאבאק אין דיא ביידע נעזלעכער פון זיין לאנגען, אויסגעבויגענעם נאָז, האט א שטארקען ציה געטאָן אין זיך, האט ארויסגעלאָזען א געשמאקען אה, אָט וויא דיא טבע איז ביי א אידען צו מאכען, ווען ער נעהמט א גוטען שמעק טאבאק אדער ווען ער דריקט אוים זיין שטארקע הנאה, שמייסענדיג זיך מיט א בעזים אין א הייסע באָד....

— זעהט, זעהט, האָט ער פאָרטגעזעצט, קוקענדיג אויף יאקלען מיט א שמייכעל: בוילע, א מגפה אויף דיר, וואס איז פאר א כוואראָבע אויף דיין קאָפּ, וואס דוא האסט זיך היינט אויסגעפּוצט?

יאנקעל האט אויף איהם געקוקט און האָט געשמייכעלט מיט א ברייטען שמייכעל.

— ער געהט זעהן א כלה — האט זיך אריינגעמישט זלמן צירעלס — סטעפאן דעם סטאראָסטעס קליאטשע. אמת, יאנקעלע? און זלמן האט זיך דערביי הויך פאנאנדערגעלאכט, קוקענדיג דאָ אויפן בעל הבית און דאָ אויף הירש בערן. ער איז געוועזן זיכער, דאָס ער האט דאָ ארויסגעזאָגט א גרויסע חכמה. דער בעל הבית האט א שמייכעל געטאָן צופריעדען. הירש בער האָט ניט אראָפּגענומען דיא אויגען פון יאנקלען.

יאנקעל האט קרום א קוק געטאָן אויף זלמנען און האָט געזאָגט:

— דוא, זלמן, בישט מיר א גרויסער כיטרעץ. ער האט אָפּגעקעהרט דעם קאָפּ צו דיא זייט, וואו נאטאשא איז געשטאנען, האָט א קוק געטאָן אויף איהר און האט א שמייכעל געטאָן: נאטאשא איז רויט געוואָרען, האט א לאך געטאָן און האט זיך א פּיהר געטאָן מיט'ן עלענבויגען איבערן נאָז, ארויף איבער דיא האָר,

האט געשטיקט, אין זיך דעם געלעכטער און האט זיך געשטעלט מיטן רוקען צו איהם.

פלוצים האט יאנקעל זיך א קעהר געטאָן צום בעל הבית, האט א קראַטץ געטאָן דעם קאָפּ און האט געזאָגט:

— בעל הבוש, איך ע געהערט, אזש איהר זשייט דא, בין געקומען....

א דאנק דיר טאקע, יאנקעלע, פיר דיא טירחה — איז איהם ארייננעפאלען הירש בער אין דיא רייד.

— לאזשט מיך, רבי הירש בער, לאזשט מיך. איך האב א טובה צום בעל הבוש. בעל הבוש, האט זיך יאנקעל געווענדעט צום בעל הבית, וואס האט איהם געהערט, מיט אזא מינע, וויא ער זאל זיך צוגרייטען הערען פון יאנקעלען א ווילדע נארעשקייט. — בעל הבוש, איך האב ראזשציטאיעט, אז עש אזשוי קיין טאלק ניט גיין לעדיג און איך געזשאָגט מיין פעטער, אזש וועל גיין צום בעל הבוש און איהם זשאָגען, אזש איך ווערען א פישער.

— אך, א ניכפה אויף דעם בוילע, האט אויסגעשריען הירש בער, פאנאנדערלאכענדיג זיך: — האמטו געהערט ס'רא טובה ער וויל טאָן דעם בעל הבית!

אלע האָבען זיך פאנאנדערגעלאכט.

— ער מיינט א בקשה, האט געזאָגט דער בעל הבית מיט א שמייכעל.

יאנקעל האט זיך א הויב געטאָן פון ביינקעל. — יע, יע, האָט ער אונטערגעכאפּט — טאקע, טאקע, בעל הבוש, טאקע א בקשה.... מיר טהוט, בעל הבוש, דיא בקשה — האָט זיך יאנקעל געבעטען — טהוט דיא אדאָלזשעניע.

אלע האָבען נאך שטארקער גענומען לאכען; אפילו איוואן, וואס האט נישט פערשטאנען פון וואָס מען לאכט, האָט אויך געקוקט אויף יאנקלען און האט געשמייכעלט.

— אי, איז דאָס א גאון! האָט אויסגעשריען הירש בער מיט א גמרא נגון— אי איז דאָס א למדן, אי, אי! נו, רבי יאנקעלע, מיר וועלען דיך נעהמען, ווען דוא וועסט פאר אונז מאכען קידוש.

— טאקע, טאקע, האָט אונטערגעכאַפּט זלמן צירעלס — אבער אויסווייניג.

יאנקעל איז געוואָרען בייז.

— דוא, זלמן, בישט מיר צופיעל ביטרעץ. זשע! ער האָט מיט כעס א קוק געטאָן אויף זלמנען.

— ווילסט ווערען א פישער? האָט דער בעל הבית אונטערבראָכען יאנקלען — וועסט זיך ניט פוילען?

— בעל הבויש, האָט געענטפערט יאנקעל און האט זיך א קלאפּ געטאָן מיטן פויסט אין ברוסט. — זשאָל דיא כאלעריע מיך נעהמען, זשאָל איך שטארבען אזש איך זשיך פוילען.

— גוט, קום מאָרגען צו דיא ארבייט.

יאנקעל האָט אַ שפּרונג געטאָן פון שמחה.

— אהא, האט ער אויסגעשריען מיט נצחון, א קוק טוהענדיג מיט פרייליכע אויגען אויף זלמנען: איך א פישער זלמן!

— זעה, יאנקעלע, האָט הירש בער געזאָגט, אז דוא וועסט זיך פוילען, דיא דיא נשמה דיין טרפה'נע וועל איך דיר ארויסנעהמען.

— נשקשה, האָט געענטפערט יאנקעל — איך ניט מורא!.... ער האט גע־נומען זוכען מיט דיא אויגען נאטאשא, זיא איז יעצט ניט געווען.

— א גוטען טאָג, האָט יאנקעל געזאָגט און איז ארויס.

אין פיהרהויז איז געשטאַנען נאטאשא און האָט געהאקט שפּענדלאך פארן אויווען.

יאַנקעל איז צו איהר צוגעגאנגען. ווען זיא האט איהם דערזעהן, האט זיא אויפגעהערט צו האקען דיא שפּענדלאך, האט זיך געוואָלט פאַנאנדערלאכען, האט אבער פארשטעלט דעם מויל מיטן האנד.

— איך ווער מאָרגען א פישער — דאט יאנקעל ארויסגערעדט אין א ריין פויערשע שפּראכע און אין איין אָטעהם — דער בעל הבית האט מאָרגען מיר געהייסען קומען צו דיא ארבייט.

ער האָט זיא א קימצעל געטאָן, האָט איהר א קלאפּ געטאָן איבער איהר דיקען רוקען.

זיא איז פון איהם אָפּגעשפּרונגען. — יאנקעל, האט זיא ארויסגערעדט — דיא הענד זאָלען דיר אָפּדארען. ביזטו משוגע? אין דיא זעלבע צייט האבען אָבער איהרע אויגען געבלישצעט וויא פון עפּעס א פערגיניגען און דיא ליפּען האָבען געשמייכעלט.

יאנקעל האט געקוקט אויף איהר און האט אויך געשמייכעלט. ער האט זיך אנגענומען מיט ביידע הענד פאר דיא זייטען, האָט אויסגעשטעלט אין פאראויס זיין רעכטע פוס, האָט אין דער שטיל פאר זיך אונטערן נאָז גענומען זינגען א דאָר־פישע ליעדעל און האָט גענומען טאנצען אויף איין אָרט, דרעהענדיג זיך אויף דיא קאָרקעס, קלאפּענדיג א כאָלאווע אָן א כאָלאווע און שפּרינגענדיג אין דער הויך.

פלוצים האָט זיך דערהערט פון דרויסען א ווייטער קלינגען פון פיעלע גלעקלאך, א רויש פון רעדער און א טאָפּעריי פון פערד. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— וועמעס מחותנים פאָהרען עס? האָט ער א זאָג געטאָן און איז ארויסגעלאָפען אויפ'ן גאס....

II

יאנקעל איז געוועזן א געבאָרענער איד, אבער מיט זיין ערציהונג, מיט זיין כאראקטער, אפילו מיט זיין לשון איז ער געוועזן א רוסישער פויער.

ער איז געבאָרען אין דיא זעלבע דאָרף חאָלם. זיין פאָטער נחום האט דאָרטען געהאלטען א שיינק. פון איין זייט דאָרף האָבען זיך געצויגען פעלדער וויט ארונטער אין דיא טהאָלען, פון אהינטער דיא טהאָלען האט ארויסגעקוקט א שווארצער געדיכטער וואלד. פון דער צווייטער זייט אין דער נידער איז געלעגען צושפּרייט דיא ברייטע אָזערא סאראָ.

אויף דעם אנדער זייט סאראָ אויפ'ן בארג איז געלעגען א צווייטע דאָרף מיטן נאָמען נאָוואסעלסק. דיא הייזער מיט דיא שטרויענע דעכער זיינען געשטאנען צושפּרייט איבערן גאנצען בארג. פון צווישען דיזע הייזער האט ארויסגעקוקט א הויכער קלויסטער פון רויטע ציעגעל מיט א מעשענעם צלם, וואָס האט געבלאסקעט אונטער דיא זון.

ביז 7 יאָהר האָט זיך יאנקעל געפיהלט פריי וויא א פויגעל. ער פלעגט ארומלויפען מיט דיא פויערים קינדער אין וואלד, אין פעלד, פלעגט קלעטערען אויף דיא ביימער, פלעגט צונעהמען ביי דיא פויגלאך זייערע קינדער פון דיא נעסטען; פלעגט העלפען פערטרייבען דעם פאסטוך דיא פיה אין פעלד, פלעגט זיך ווען עס איז איינבעטען ביי דיא פישער, זיי זאָלען איהם מיטנעהמען אויפ'ן אָזערא כאפּען פיש.

זיין פאָטער האָט איהם ביז 7 יאָהר נישט געשטערט אין גאָר נישט. ער איז ביי איהם געוועזן א בן יחיד פון דער צווייטער פרוי; מיט דיא ערשטע פרוי האט דער אלטער נחום געהאט דריי טעכטער, וועלכע זיינען ביי איהם געוועזן אויסגעגעבען אין שטאָדט. דארום איז קיין חידוש ניט, וואָס זיין בן יחיד, זיין איינציגער קדיש, איז ביי איהם געוועזן טייער.

ער פלעגט נאָר אָנזאָגען זיין יאנקלען, אז, ווען ער וועט זיך שפּיעלען מיט דיא פויערים קינדער, זאָל ער ניט עסען זייערע, ווארום מען טאָר ניט, אז ניט וועט גאָט שמייסען מיט אייזערנע ריטער, וועט ברענען אויף פייערדיגע סקאָוואראָדעס. פיר אזעלכע זאכען האָט יאנקעלע מורא געהאט און ער האָט זיך אָפּגעהיט פון צו עסען טרפה.

מאנכעס מאָל פלעגט זיך אפילו זיין קעפּעלע שטארק חידושן: „שטייטש, ווארום עפּעס אי קאזאר, אי מיטרי, אי מיקיטקא — אלע זיינע חברים, אפילו זייערע גרויסע טאטעס — עסען מיט אזא הנאה זייערע אידישע? זייער גאָט וועט דאָך מסתמה זיי דערפאר אויף בראָטען און בּרענען? פאר וואס האבען זיי ניט מורא? ניין, מסתמה ארט עס ניט זייער גאָט, ווארום פיעל מאָל האט דער גלח אליין פון נאָוואָסעלסק געגעסען ביי זיין פאָטער אי פיש, אי פליש... ווארום איז דער גאָט פון זיין טאטען, פון הירש בערן און פון אלע אנדערע אידען, וואס ער, יאנקעל קען וועלכע ארבייטען ניט אום שבת און צלמן זיך ניט, ווארום איז דיזער גאָט אזוי שלעכט? וואס וואלט איהם געארט, אז ער, יאנקעל, זאָל, למשל, פארזוכען א שטיקעלע בלין מיט שמאלץ ביי מיקיטקא? ווארום זשאלעוועט ער עס איהם?....

און איינמאָל האט יאנקעלע געשטעלט דיזע הארבע קשיות זיין אלטען טאטען נחום. יענער האט זיך ערענסט דערשראָקען און האט מיט א הארצווייטאָג אנגעשריען אויף יאנקעלען. — יאנקעלע, יאנקעלע — האט ער געשריען—טאָרסט פון דעם ניט קלעהרען, וועסט משוגע ווערען, וויא יעגאָר, האסט געזעהן?...

יאנקעל האט געקאָנט יעגאָרן. ער איז משוגע געוואָרען, האבען איהם דיא פּויערים פון דאָרף געשלאָגען, געבונדען מיט שטריק און איהם אוועקגעפיהרט אין שטאָדט....

ניין, ער האט מורא, ער וועט מעהר ניט טראכטען.

יאנקעלע וויל ניט ווערען משוגע.... און ער האט זיך געסטארעוועט ניט טראכטען מעהר און איז נור ארומגעלאָפען מיט דיא קינדער פון דיא פּויערים איבער דיא וועלדער און פעלדער....

ווען יאנקעל איז אלט געוואָרען 7 יאָהר, האט פיר איהם דער טאטע געבּראכט פון שטאָדט א 16 יאָהריגען ישיבה בחורל און האט געהייסען יאנקעלען זיין א למדן און לערנען מיטן רבין דיא תורה.

יאנקעלען איז עס ניט זעהר שטארק געפעלען געוואָרען. שטייטש, זיינע אלע חברים קאָנען וויא פריהער ארומלויפען איבער דיא פעלדער און וועלדער, קאָנען גיין צו דיא פישער, נור ער, יאנקעל, אליין איז אויף צרות. ער איז געווען זיין רבין א דם שונא און ער האט געגומען טראכטען, וויא אזוי צו פטור ווערען פון איהם. באלד איז ער געפאלען אויף א גוטען פּלאן. דער רבי, דער ישיבה בחורל, פלעגט שלאָפען מיט יאנקעלען אויפ׳ן אויוועז. אין מיטן נאכט פלעגט ער אננעהמען זיין שלאָפעדיגען רבין פארן קאָפּ און פלעגט איהם אראָפּשליידערען פון אויווען. דער ארעמער בחורל, ווען ער פלעגט נור ניט פאלען אויף זיין בעל הביתטע, אויף יאנקעלעס

מאמע, וועלכע פלעגט שלאָפען אונטען אויף דיא „פּאַליאַטעס“ נעבען אויווען, פלעגט זיך נעבעך צובייכען און צוקיילען. יאנקעל פלעגט עס אבער אָפטאָן אזוי קונציג, אז דער קלענסטער חשד פלעגט אויף איהם קיינמאל ניט פאלען און זיין רבי אליין פלעגט אלע מאל בלייבען דער שולדיגער.

דוא קראצט זיך צופיעל, רבי, פלעגט נחום דאן זאָגען ערענסט צום בחורל— זאָלסט מיר מוחל זיין, אזא לייב האסטו א פּאסקודנע, דערפאר פאלסטו אראָפּ...

— אבער איך האב דאָך אזוי ריין אויסגעוואשען זיינע העמדער — פלעגט זיך אריינמישען נחום׳ס ווייב — איך בין לכתחילה געגאנגען צום אָזערא, האב זיי גע־שווינקט, געשווינקט, געקלאַפּט מיטן פּריאניק, אז דיא כּאַלעריע האט זיי געמוזט נעהמען....

— וואס כּאַלעריע, ווען כּאלעריע דיר אין הארצען — פלעגט נחום אנפאלען אויף זיין ווייב — דוא פארשטעהסט עפּעס וו״כם? פּתי דוא, זיי האבען זיך ביי איהם אין לייב איינגעגעסען, פערשטעהסט? וויא ביי דיא סקאָטינעס אויפ׳ן צונג. דאס קען, דוכט זיך, א קינד פערשטעהן.... מען מוז איהם גוט אויסרייבען דיא לייב מיט זאַלץ, אָט יעמאָלט וועט ער פון זיי פּטור ווערען....

אבער דיא לייב רייבענעש, וואס דער בחורל האט נעבעך געמוזט דורכקומען, האט איהם אויך ניט געהאָלפען. איינמאל האט איהם יאנקעלע אזא רייב געגעבען פארן קאָפּ, אז ער איז אראָפּגעפלויגען פון אויווען, איז געפאלען אויף יאנקעלעס מאמע און האט איהר געמאכט א לאָך אין שטערען.

דאן האט איהם נחום אפּגעזאָגט.

— דוא ביזט א צרעת, רבי — האט איהם נחום געגעבען צו פערשטעהן — דוא מוזט עפּעס זעהן צו טאָן וועגען דעם; דוא טארסט עס ניט פארלאזען. איך קען דיך אזוי ניט האלטען מעהר. מיר טהוט וועה אפילו דיא הארץ, וואו וועל איך נעהמען פיר מיין יאנקעלען א מלמד אין מיטען זמן, אבער איך קען זיך ניט העלפען.

אזוי איז יאנקעלע פּטור געוואָרען אויף א קורצע צייט פון דעם יאָך פון דיא תורה און ער האט געקענט ווידער ארומלויפען מיט דיא פויערים קינדער, זיינע חברים....

דעם צווייטען זמן האט נחום פאר איהם געבראכט א מלמד א׳ן אלטען אידען. דיזער איז שוין ניט געשלאָפען מיט יאנקעלען אויפ׳ן אויווען: ער איז געשלאָפען אין א בעזונדער צימער, וואס נחום האט עקסטרא פיר איהם אָפּגעצאמט פון זיין שיינק.

יענקעלע איז דאן ווידער געווען אויף גרויסענע צרות. און אין דער אמת'ן, ניי זאָג עברי מיט יאנקעלעס לשון! ....

דער רבי — אן אלטינקער, איינגעהויקערטער אידעל, מיט א מויל אָהן ציינער, אין א פערשמאלצענע יארמעלקע, — עפענט פאנאנדער דעם סדור, טייטעלט מיט א דינעם ריטעל אין דיא שווארצע בוכשטאבען, יאנקעלע אין דיא מאמעס ווינטער־דיגע וואָליקעס, אין איהרע א ווארעמע שווארצע קאָפטע, אין דעם טאטענס אן אלטע, ברייטע היטעל, וואס רוקט זיך ביי איהם אראב אריבער דיא אויגען, מיט א שמוציגען נעזעל, קוקט אריין גלייכגילטיג אין סדור.

— זאָג, יאנקעלע — הויבט אָן דער רבי מיט זיין ליידיגען מויל — איזהו מקומן....

יאנקעלע זאָגט נאָך ניט ווילענדיג: — יאזשעגא מאָקאקאָ....

— זאג גוט, יאנקעלע — פארריכט דער רבי — איזהו מקומן....

— יאזשעגא מאקאמאָן....

יאנקעלעס מאמע שטעהט אין דער צייט אין שטוב, וואשט דיא מילכיגע ליימענע כלים און הערט זיך צו צו איהר זוהנס תורה. זיא איז א הויכע, דארע אי־דענע פון א יאָהר פינף און דרייסיג, מיט א בלאסען, קריינקליכען פנים. אליין נחום, א קורצער ברייטער אידעל מיט א שפיטציגע גרויע בערדעל, מיט א נארישען אויסזעהן, זיצט זיך לעבען דיא פעסלאך בראנפען און דרעמילט.

פון דרויסען קוקט אריין אין הויז דיא דונקעל־סארע ליכט פון א ווינטער־דיגען טאָג.

— אך, אז פארברענט זאל ער ווערען! — שרייט אויס יאנקעלעס מאמע מיט הארץ—זעה, וויא א גוי לעהרענט ער דיא תורה.... נחום, קענסט איהם ניט אונטערהאקען דעם צונג, אז ער זאל לעהרנען וויא א איד?

נחום קוקט זיא אן מיט נארישע, גלייכגילטיגע אויגען, נאָכדעם שטעהט ער אויף פון אָרט, טהוט זיך א קראַטץ הינטערוויילעכץ אין רוקען, טהוט א גענעץ און גייט צו צום רבין.

— וואָס איז דאָס, רבי? פרעגט ער מיט א פוילקייט אין קול.

— אָט איזהו מקומן קען ער ניט אויסריידען; ער רעדט צופיעל גויעש, זאָגט דער אַלטינקער.

דער פנים ביי נחום לעבט אָפּ.

— יאנקעלע, מאכט ער צו זיין בן יחיד מיט א לעבהאפטיגקייט — יאנקעלע, קענסט ניט זאגען איזהו מקומן? זאָג: איזהו מקומן; זעהסט איך קען אויף אויסווייניג.

יאנקעלע ווערט אין כעס.

— וואָס דוא ווילשט פון מיר? איך דאַך זשאָג: יאזשעגא מאקאמאָן....

— שארפער, יאנקעלע, זאג: איידהו.

— איי־שזשע־גו! (דעם גו שרייט אוים יאנקעלע מיט אלע קרעפטען).

— הו, הו, יאנקעלע, זאג: הו.

— ח־ח־חו! רעדט קוים אוים יאנקעלע.

— אזוי, אזוי, יאנקעלע — קאכט זיך נחום — איצטער אין איינעם, אויף גיך: איזהו מקומן.

— יאזשעגא מאקאמאן, רעדט ארוים יאנקעלע אין איין אטהעם.

נחום ווערט אין כעס.

— אוואו איז דיא בייטש? איך וועל איהם צוקאטעווען. זאג גוט, כריטאָן: איזהו מקומן....

יאנקעלע שפרינגט אויף פון אָרט מיט א געוויין.

— וואָס דוא ווילשט? איך דאַך זשאָג יאזשעגא מאקאמאָן! און ער וויינט.

אזוי האט זיך יאנקעלע געוואָרגען מיט דיא תורה, ביז ער איז אלט געוואָרען 13 יאָהר. צו 13 יאָהר האט ער קוים געקענט דאַווענען פון סדור.

ווען יאנקעלע איז אלט געווען 12 יאהר, איז ביי איהם געשטארבען דיא מאמע. איהר טויט האט אויף איהם געמאכט א שטארקען איינדרוק. געווען א מאמע, געלעבט א מאמע, געלאָפען, גערעדט—און פלוצים ניטא קיין מאמע, לויפט ניט, רעדט ניט, ליגט שטום, וויא יענער גרויסער שטיין, וואס ליגט נעבען אָזערא, אויף וועלכען יאנקעל פלעגט אפט זיצען....

א לאנגע צייט האט איהר טויטער געשטאלט איהם פארפאָלגט, ער פלעגט מורא האבען ארוים ביי נאכט אין דרויסען. איהם האט זיך געדאכט, אז זיא ווינקט צו איהם פון וויטען שווארצען וואלד, פון צווישען דיא גאָלדענע קאָרען־זאנגען, פון דיא פעלדער, פון דעם קלאָרען, בלישצענדען וואסערל פון דיא אזערא.... ער האט געהערט, אז זיא איז אין גאנצען ניט געשטאָרבען, אז איהר נשמה לעבט; און דיזע נשמה האָט זיך פארגעשטעלט אין זיין פאנטאזיע אין זיין מאמעס געשטאלט און זיא האָט איהם געשראָקען. יעדען פריהמאָרגען און אויף דערנאכט פלעגט ער פאהרען אין א צווייטע דאָרף, 5 וויארסט פון חאכם, וואו עס איז געווען א אידעשער מנין.

דארטען פלעגט ער נאכזאגען דעם קדיש נאך איינעם, פלעגט נאכזאגען מיט הארץ, ווייל ער האט געוואוסט, דאס זיין קדיש וועט אריינברייגען זיין מאמעס נשמה אין גן עדן, און דאס האט ער געוואלט זעהר שטארק, דאן וועט ער וויסען

אויף זיבער, אז זיין מאמעס נשמה בלאנדזשעט ניט ארום ניט אין וואלד, ניט אין פעלד, נור זיא איז אין גן עדן....

אין א יאָהר ארום האט ער פארגעסען אָן דיא מאמען; ער האָט שוין אויך מעהר ניט געלעהרענט דיא תורה. זיין אלטער טאטע האט איהם אָפּגעזאָגט „ברוך שפטרני“ און האָט איהם בעמערקט דערביי, דאָס יעצט איז ער, יאנקעלע, אליין ניט קראנק צו שלעפּען אויף זיך דיא עברות.

ער האט זיך גענומען פיהלען פריי, וויא א פויגעל. אין דיא צייט, ווען זיינע חברים אין זיין עלטער — דיא פויערים קינדער — האבען שוין געפּראצעוועט אויף דיא פעלדער און אין וואלד, האבען געאקערט, געזעעט, געשניטען און געהאקט האָלץ, איז יאנקעלע ארומגעגאנגען פוסט און פאס און איז געוואקסען אין דיא לייגג און אין דיא ברייט.

אין שטאָדט פלעגט איהם נחום מיט זיך אויך ניט נעהמען, ווען ער פלעגט פאָהרען, ווייל איינמאָל האָט ער גענומען מיט זיך יאנקעלען אין שטאָדט — האט ער זיך שיר באגראָבען פון שאנדע. דיא בעקאנטע אידען האבען ארומגערינגעלט יאנקעלען, האבען מיט איהם געשמועסט און האבען געלאכט פון זיין „גויעשן לשון“. ניט איינמאל האט דער אלטער נחום געקלאָגט איבער יאנקעלען:

— געוואלד, יאנקעלע, שוין זשע קענסט ניט ריידען, וויא א איד? דוכט זיך, וואָס פיר א קונץ, דוא וועסט דאָך ווען־עס־איז דארפען טאָן א שידוך מיט א אידעש קינד!....

— וואש ווילשטו, פלעגט יאנקעל דאן זאָגען ברגזדיג — איך זשאָג דאך וויא א איד!

— ער „זשאָגט!“ פלעגט דאן נחום אויסשרייען מיט פערצווייפלונג, דריקענדיג מיט דיא פלייצעס. — ער זשאָגט! אי, וועה איז מיר, וועה איז מיר!....

יאנקעלע האט ליעב געהאט דיא דאָרף איגרישצעס.

ווען אין א זונטאג אדער אין א יום טוב פלעגען זיך אין א הויז פון דאָרף אדער אויף א פעלד, אונטערן פרייען הימעל, צונויפקלייבען פויערים בחורים און מיידלאך און פלעגען אונטער דיא טענער פון דאָרפישען כלי זמר אנהויבען צו טאנ־צען, פלעגט יאנקעל דאָן הארעווען.... ער פלעגט אויך טאנצען. ער פלעגט טאנ־צען מיט יעדען אבער, ער פלעגט טאנצען אזוי לאנג, ביז ער פלעגט אפּגעגאסען ווערען מיט שווייס. ער האט געטאנצט גוט; קיינער פון דיא פויערים האט ניט געקענט אזוי הויך ווארפען מיט דיא פיס, וויא יאנקעלע; קיינער פון זיי איז ניט געווען אזא בריה צו קלאפּען זיך מיטן הינטען אן דרערד, וויא דער זעלבער יאנקעלע.

הירש בערן זיין טאבאק פושקע, פלעגט אפקלאפען דעם דאוונען און פלעגט העל־פען נאטאשאן שאבען פיש אדער בלאזען דעם סאמאוואר. א גאנצע וואך פלעגט יאנקעלע עסען מיט דיא פישער און שלאפען ביי זיי, חוץ פרייטאג. אויף דער נאכט און שבת, ווען דיא פישער פלעגען רוהען, פלעגט ער עסען ביי זיין פעטער אין שיינק.

מעהר וויא אלע איז מיט יאנקלען געווען צופריעדען דיא דיקע נאטאשא. זיא האט איהם געקענט גוט פון פריהער, פון דיא איגרישצעס און פון דעם, וואס ער פלעגט פריהער קומען צו דיא פישער. איהר איז שוין אויך פיעל מאל אוסגעקומען צו טאנצען מיט איהם. אין איהרע אויגען איז ער געווען א געראטענער קאוואליער מיט אלע מעלות: א שיינער, א געזונדער, א פראנט און א גרויסער טענצער. יעצט, אז ער איז געוועזען א היימישער מענש און פלעגט איהר העלפען אין איהר ארבייט, האט זיא צו איהם ארויסגעצייגט א גרויס פריינדשאפט.

א יונגע, געזונדע, לעבהאפטיגע פויערען־מיידעל, א ליידענשאפטליכע, האט זיא אפענהערציג ארויסגעוויזען איהרע געפיהלען צו יאנקלען. דיא רוסישע פויער־טעם פארשטעהן ניט, וויא צו מאסקירען זייערע נאטירליכע געפיהלען....

וואס האט זיא אזוינס געפיהלט צו יאנקלען ?.... אך, זיא האט אליין ניט געוואוסט.... זיא האט נור געפיהלט, אז מיט איהם איז איהר פריילאך, אז ווען ער טהוט א קוק אויף איהר, ווילט זיך איהר לאכען, לאכען הויך פון טיעפען האר־צען; אז ווען ער נעהמט זיא ארום, פיהלט זיא און אנגענעהמען קיצלען אין דעם גאנצען קערפער און אונטער איהר גראבע לייווענדנע העמד הויבט אן צו פאכען שטא־ק איהר הויכער בוזים, און איהרע באקען ווערען נאך רויטער, און איהרע אויגען הויבען אן בלישצען פריילאך....

פיעל מאל אין דיא אנוועזענהייט פון הירש בערן, פון זכמן צירעלס און פון דיא אנדערע פישער פלעגט זיא זיך ראנגלען מיט יאנקלען — אין דארף איז מען געוואוינט צו זעהן דאס א בחור מיט א מיידעל זאלען זיך ראנגלען בפרהסיה און קיינעם חידושט עס ניט — דאן פלעגט זיא פלוצים צודריקען איהרע באקען צו יאנקעלס, און אין אזא פאזע פלעגט זיא וויא פערגליווערט ווערען אויף מינוטען לאנג אין א זיסע מיעדקייט מיט ארונטערגעלאזענע צוגעמאכטע אויגען.... יאנקעל פלעגט אויך בשעת מעשה פיהלען אן אנגענעהמע לייכטקייט אויף דיא נשמה; א ברייטער שמייכעל פלעגט זיך דאן צוגיעסען איבער זיין גאנצען פנים, ער פלעגט זיא מיט דיא גאנצע קראפט א דריק טאן פארן טאליע, זיא פלעגט א געשריי טאן און פלעגט אפשפרינגען פון איהם.... ער פלעגט א לאך טאן און זיך צופריעדען, פלעגט זיך

זעצען אויף א ביינקעל און פלעגט ווישען דעם שוויים פון שטערן מיט דעם ארבעל פון זיין העמד.

נאטאשאס נאהענטע פריינדשאפט צו יאנקלען האט זעהר געערגערט זלמן צירעלס. ער פלעגט זיך פריהער ווען־עס־איז אויך ערלויבען א שטיפך צו טאָן מיט נאטאשא — און ווער פון דיא פישער פלעגט מיט איהר ניט שטיפען! אפילו דער אלטער הירש בער פלעגט אויך מאנכעס מאל זוכען זיין טאבאק פושקע ביי איהר אין בוזים.... זלמן צירלס האט געפיהלט, דאס זיין שפיעלען זיך מיט נאטאשא אדער הירש בערס איז א גאנץ אנדערער וויא יאנקעלס.

ער האָט געקוקט ביז יעצט אויף נאטאשא, וויא אויף א געזונדע, דיקע יונגע „גויה,“ וועלכע עס שאדעט ניט א מאָל א קיצעל טאָן אדער א ריס טאָן.... אבער אין יאנקעלעס שפיעלען מיט נאטאשא איז געלעגען עטוואס אנדערס.... וואס? זלמן האָט עס קלאָהר ניט פיערשטאנען, נור ער האט גענומען פיהלען, דאס ער ווערט א דם שונא יאנקלען; דאס ווען יאנקעל נעהמט ארום נאטאשא און זיא שמייכעלט צו איהם און זיא לאכט צו איהם, און זיא דריקט צו איהרע באקען צו זיינע, ווילט זיך איהם אויסשרייען: „בוילע! בוילע! אוועק פון איהר!“ איהם ווילט זיך דאן ארויפווארפען אויף יאנקלען און שלאָגען איהם, הרגנען מכת רצח.... דאך פלעגט זיך זלמן איינהאלטען און פלעגט האלטען באגראבען אין זיך דעם כעס אויף יאנקלען.

איינמאל, אין א שיינעם פריהמאָרגען, האבען זיך דיא פישער צוריקגעקעה־רט א היים. זיי האבען אריינגעטראָגען דיא געפאנגענע פיש אין אייז־קעלער. נאכדעם זיינען זיי אריין אין שטוב און האבען זיך געשטעלט דאווגען.

הירש בער האט פריהער, איידער ער האט זיך געשטעלט דאווגען, געמאכט א גוטען „קנאק“; חאצע טריינעס איז געשטאנען אין טלית ותפלין אין א ווינקעל און האט אין דער שטיל געדאווענט. איוואן איז ארויף אויף דיא פאליאטעס און האט זיך אוועקגעלייגט. זלמן איז געשטאנען אין תפלין נעבען פענסטער און האט געקוקט אויפ'ן הויף, וואו נאטאשא האט געקליבען האָלץ פון א הויבען קאסטיאָר.

זיא איז געשטאנען אָהן א קאפטאצקע מיט אן אפענעם בוזים. זלמן האט צו איהר געווינקט מיט דיא אויגען, האט ארויסגעשטעלט דעם צונג, אבער זיא האט נאר ניט געקוקט אין זיין זייט.

פלוצים האט זיא א קעהר געטאן דעם קאפ צום אזערא צו, האט אוועקגע־לייגט דיא האלץ אויף דרערד און האט מיט פרייליכע אויגען גענומען קוקען אויפ'ן אזערא. איבער איהר פנים האט זיך פלוצים צוגאָסען א גליקליכער שמייכעל.

אויפ'ן בארג איז געגאנגגען יאנקעל אין זיין רימענעם פישערשען פארטוך. דער פנים איז ביי איהם געווען רויט און פארשוויצט; אין האנד האט ער געטראָגען, ניט קוקענדיג, וואס דאס איז געווען זומער, רימענע האנדשוה.

ער האט דערזעהן נאטאשע און האט איהר פריילאך א מאך געטאָן מיטן קאָפּ. זיא האט איהם אויך קאָקעטיש געענטפערט מיט איהר בלאָנדען קעפעל.

באלד איז ער געווען נעבען איהר. ער האָט זיא געוואָלט א באפ טאָן פארן טאליע, נור זיא האָט שנעל א כאפ געטאָן דיא האָלץ פון דרערד, האָט פרייליך א קוויטשע געטאָן און האט זיך געלאָזט לויפען אין פיהר־הויז. ער נאָך איהר....

דאָס אלעס האָט זלמן בעמערקט דורכ'ן פענסטער און ער איז געוואָרען זעהר אויפגערעגט. א געפיהל פון אייפערזוכט האָט ערענסט געמוטשעט זיין נשמה. אפילו נאטאשא איז געווען א גויה, און וואָס פיר אן ערענסטען געפיהל האט געקענט האָבען זלמן צו איהר? דאָס האָט ביי זיך אָבער זלמן קיינמאָל ניט געפרעגט....

דיזע סצענע אויפ'ן הויף האָט איהם אזוי שטארק אויפגערעגט, דאָס ער האט זיך ניט געקענט איינהאלטען און האָט זיך געווענדעט צו הירש בערן בזה הלשון:

— רבי הירש בער, ביי נאטאשען מיט דעם בוילע מוז זיין עפּעס ניט גלאַט; ער איז מיט איהר עפּעס צופיעל מחותן.

דער אלטער הירש בער האָט צוגעלייגט זיינע צוויי פינגער צו דעם ש פון גרויסען של ראש, פון אונטער וועלכען עס האָט ארויסגעקוקט שיטערע ווייסע האָר, האָט צוגעלייגט דיא פינגער צו זיינע ליפּען און האָט זיי געשמאק א שמאָקצע געטאָן. נאכדעם האט ער זיך א קעהר געטאָן אויף זיין קרום פיסעל צו זלמנען, האָט פארריסען זיין רעכטע פלייצע און האָט גענומען מאכען מיט'ן קאָפּ, שמייכלענדיג דערביי מיט דיא אויגען.

— דוא גרויסער פערד — האָט ארויסגערעדט הירש בער מיט זיין געוויינליכען קאָמישען טאָן — מיינסטו, אז ביי זיי איז עפּעס דאָ אָהן חופה און קדושין.... עט, נאטאשא איז גאר ניט קיין נארישע שיקסע.... און הירש בער האט געדאַווענט ווייטער הויך אויפ'ן קול, צווינגענדיג:

— יוצר משרתים ואשר משרתיו כלם עומדים, עומדים, עומדים.... ניט קיין נארישע שיקסע. אי וואס ער קיצעלט זיא, איז נו, דוא קיצעלסט זיא דאך אויך.... ואשר משרתיו כלם עומדים ברום עולם ומשמיעים ביראה יחד בקול דברי אלהים חיים, אי גוואלד! ומלך עולם....

— אה, רבי הירש בער, איצטער, איצטער וועט עס שוין ניט זיין.

— וכלם פותחים את פיהם בקדשה ובטהרה.... אי, ביזט א נאר, זלמן, לאָמיך אָקארשט אפּדאַוונען, וועסט שוין זעהן....בקדושה ובטהרה בשירה ובזמרה...

אין דער צייט האט יאַנקעל געכאַפּט נאטאשען אין פּיהר־הויז, ער האט זיא ליידענשאַפטליך צוגעדריקט צו זיך. זיא האט ניט ערווידערט און האט ניט געשריען, אדרבה, האלטענדיג איןביידע הענד דיא האלץ, האט זיא געדריקט איהר פּנים צו זיינעם און האט צערטליך געשעפּצעט: — יאַנקעל, יאַנקעל, האלובטשיק טי מאָי... סאקאָל טי מאָי, סיזאָקרילוי!.... ביז פרייטאג, ביז פרייטאג....

און דאסווארט „פרייטאג" האט זיא ארויסגערעדט אזוי ליידענשאַפטליך און אזוי צערטליך, און זיא האט בשעת מעשה אזוי געפּרעסט איהר הייסען פּנים צו יאַנקעלס, אַז יאַנקעל האט זיך ניט געקענט איינהאַלטען און האָט איהר א שמאָקצע געטאַן אין דיא ליפּען.

פּלוצים האט זיך דיא טהיר פון שטוב געעפענט און זלמן איז ארויס. ווען ער האט דערזעהן נאטאשאן אין יאנקעלס ארעמס, האט איהם א קלאַפּ געטאָן אין הארצען.

— בוילע! האט ער א געשריי געטאָן — וועט דיר שוין זיין גענוג, פאר וואָס לאזט דוא זיא ניט מאכען דעם סאמאָוואר? אך, דיא כאָלעריע אין זיינע קישקעס!...

יאַנקעל האט איהם גאר נישט געענטפערט און איז אריין מיט נאטאשא אין שטוב.

ער האט זיך פאנאנדערגעטאַן, אויסגעוואשען זיך און האט זיך געשטעלט דאוונען.

אין דער צייט איז הירש בער שוין געווען פארטיג מיט זיין דאוונען.

באַלד איז אריין זלמן אין שטוב מיט א געשריי:

— דער בוילע! איבער איהם איז דער סאמאָוואר נאך ניט פארטיג. האלט נאטאשאַן און לאזט זיא ניט ריהרען זיך פון אָרט.... דיא ביינער וועל איך דיר וויטער צוברעכען, בוילע!....

דאָס איז געווען צו שטארק געזאָגט, און יאנקעל האט זיך באַליידיגט.

— דוא מיר דיא ביינער צשוברעכען? — האט יאנקעל אויפגערעגט געזאגט — אָהא, בראַט, איך דיר, ווען דוא נור מיך טשעפּעשט, דיא קישקעש דיר ארויש לאזשען, גָכיאַדי!....

— עזלען, חמורים. האט זיך ארייננעמישט הירש בער, וואס קריגט איהר זיך דא? טפו, א מגפה אויף אייך. ען, פיר א שיקסע גאָר זיך קריגען! זלמן, דוא גרויסע בהמה דוא, וואס האסטו זיך דארטען צוקאכט? דוא האסט מורא, טאמער

וועט דיר זיין ווינציג? נישקשה, נאטאשא איז גענוג גראב. נאטאשא, — האט ער זיך פלוצים געווענדעט צו דער מיידעל, וועלכע האט געבלאזען דעם סאמאוואר — האסטו ניט געזעהן מיין טאבאק פושקע?

— ניין, הירש בער, האט זיא געענטפערט.

זיא האט גענומען זוכען מיט דיא אויגען איבערן פאדלאגע.

— יאָ, דוא האָסט זיא יאָ געזעהן.

— וואו, הירש בער?

— דיא האָסט זיא בעהאלטען.

חאצע, וועלכער האָט שוין אָפגעדאווענט און איז איצטער געזעסען אָנגעלייגט מיט ביידע עלענבויגענס אויפ'ן טיש, האָט ביי הירש בערס לעצטען ווערטער זיך שטארק פאנאנדערגעלאכט מיט א נארישען געלעכטער; זלמן איז געשטאנען אָן א זייט האָט געקוקט אויף נאטאשא מיט אזוינע אויגען, וויא ער וואָלט זיא וועלען איינשלינגען; יאנקעל איז געשטאנען נעבען טיש אין תפלין און האָט געבורטשעט.

און הירש בער האט ווייטער גערעדט:

— דוא האָסט זיא בעהאלטען, נאטאשא.

— ניין הירש בער.

— יא, איך זאָג יא, דוא האָסט זיא בעהאלטען אין קעשענע אָדער אין בוזים.

— ניט אמת, הירש בער.

— אָט מיר וועלען באלד זעהן.

ער איז צוגעטראָטען צו איהר מיט זיין קרום פיסעל האָט אָנגעהויבען צו זוכען און טאפען איהר קעשענע און נאָכדעם איהר בוזים.

פלוצים האָט זיא א שפרונג געטאָן און האָט א געשריי געטאָן:

— הירש בער, אָי באָלנאָ! אלטער טייפעל דוא, דיא הענד זאָלען ביי דיר אָפדארען!....

— איז דאָס ניט געוועזן מיין פושקע? האָט הירש בער כלומרשט פארוואונדערט געזאָגט—איך האב געמיינט, אז דאָס איז מיין פושקע און איך האָב זיא געוואָלט ארויסנעהמען.

— טייפעל! האָט זיא מיט כעס געענטפערט און האָט זיך ווידער גענומען פארן סאמאָוואר.

חאצע האָט נאָך העכער גענומען לאכען, איז צוגעפאלען מיט'ן פנים צום טיש און האָט געשריען:

— אָי, טאטעלע, איך'ל עס ניט אויסהאלטען.... כא! כא! כא! איך פלאַטץ! כא! כא! כא!....

זלמן האָט ניט געלאַכט.

— זעהט איהר, רבי הירש בער, האָט ער געזאָגט ערענסט, איך האָב אייך געזאָגט, אַ ? געוואָרען אַ פּריציטע, מיא טאָר זיך גאָר ניט אָנריהרען!.... אלץ איבער דעם בוילע!....

— עט! האָט הירש בער געענטפערט — וואָס איז דאָס אַ נאָווינע איהר צו פּיסקען. מיא טוהט איהר א ריס, שרייט זיא. איך פאַרשטעה ניט, וואָס איז דאָ בוילע שולדיג.

— איך זאָג אייך, ר' הירש בער, אז עס איז ניט דאָס, וואָס פריהער. פריהער פלעגט זיא אויך פּיסקען, אָבער אָהן כעס. איצטער אָבער.... איהר וועט באלד זעהן.... איהר ווייסט דאָך, אז ביי מיר פלעגט זיא ניט שרייען. איצטער אָבער.... זעהט אדרבה....

ער איז צוגעגאַנגען צו נאַטאַשאַן. יאַנקעל האָט אויף איהם א קוק געטאָן בייז. זלמן האָט ארומגעכאַפּט נאַטאַשען מיטביידע הענד פאַרן טאַליע און האָט זיא ליידענשאַפטליך צוגעדריקט צו זיך. נאַטאַשא האָט א געשריי געטאָן און האָט מיט ביידע עלענבויגענס גענומען שלאָגען זלמנען איבערן פּנים. זלמן אָבער האָט זיא געדריקט אלץ פעסטער און פעסטער צו זיך.

— לאָז, זלמן, — האָט נאַטאַשא געשריען.

— דוא זשיא ניט טשעפּע! האָט א געשריי געטאָן יאַנקעל, ווערענדיג בלאַס און וואַרפענדיג זיך צו זלמנען. — דוא זשיא ניט טשעפּע! דוא מאַכען דעם סאַמאָוואר לאַש זשיא! דוא הערשט דוא, סאַבאַקאַ דוא! איך דיר דיא קישקעס ארוישלאָזשען! ער האָט א כאַפּ געטאָן זלמנען פון הינטען פאַרן קאָלנער און האָט איהם מיט כעס א שלעפּגעטאָן צו זיך. זלמן מיט נאַטאַשען זיינען געפלויגען אָן דרערד. יאַנקעל האָט אָנגעכאַפּט נאַטאַשען פאַר א האַנד און האָט זיא ארויסגעריסען פון זלמנס ארעמס.

זלמן האָט זיך א הויב געטאָן מיט האַסט פון דרערד און האָט זיך מיט צוזאַמענגעדריקטע פויסטען א וואָרף געטאָן אויף יאַנקלען.

— דוא וועסט זיך שלאָגען, בוילע! ? האָט ער געשריען — דוא וועסט זיך שלאָגען ?....

ער האָט גענומען מאַכען מיט דיא פויסטען אין לופטען. יאַנקעל האָט איהם אָנגעכאַפּט פאַר דיא הענד און, דריקענדיג זיי פעסט און קוקענדיג מיט בלישצענדע אויגען זלמנען גלייך אין פּנים, האָט ער ארויסגערעדט, שצירענדיג מיט דיא ציין: דוא

שטיל זשיי, סאבאקא דוא.... דוא ניט לאזש דיינע קולאקעס.... איך דיר דיא קישקעש ארוישלאָזשען....

דער של ראש איז בּיי איהם אראָפּגעפּאָהרען אויף א זייט פון שטערען.

— אך, א נכפּה אויף זיי! האָט אויסגעשריען הירש בער', ווארפענדיג זיך צו זיי און וועלענדיג זיי אָפּשלעפּען איינעם פון אנדערען: — האָסטו געזעהן, שלאָגען זיך גאָר פאר א שיקסע.... זלמן, בהמה דוא, פערד, אָקס, וועט דיר זיין גענוג, טראסצא טוואָיעי מאטערי!.... ער האָט איהם אָפּגעשלעפּט פון יאנקלען. און דוא בוילע — האָט ער זיך געווענדעט צו יאנקלען, וועלכער איז געשטאנען מיטן של ראש אויף א זייט, האט געציטערט פון אויפרעגונג און האט געקוקט מיט ברענענדיגע אויגען אויף זלמנען:

— אין מיטן דאווגען זיך שלאָגען פאר א שיקסע! זעה, וואו דיין של ראש איז — דיין קאָפּ זאָל דאָרטען ליגען. וואו האָלסטו, בוילע? פאר קראת שמע, הא? ער האָט איהם אָפּגעשטופּט.

— פּאָפּראווע דיין של ראש, בוילע! און דאווען, טראסצא טוואָיעי מאטערי....

זלמן האָט זיך געזעצט אָן א זייט אויף א ביינקעל, האט געווישט דעם שוויים פון שטערען און האָט עפּעס געבורטשעט פאר זיך....

— רבי הירש בער — האָט ער פלוצים געזאָגט מיט כעס — ער וועט זיך שמדן, ער וועט זיך שמדן.... איהר וועט זעהן....

— הירש בער האט זיך פאנאנדערגעלאכט.

— א גרויסער אָנווער אין שמעדטעל — האָט ער געזאָגט מיט זיין געוואוינליך קאָמישען טאָן — בוילע וועט זיך שמדן.... וועט זיין מיט איין למדן ווינציגער ביי אידען.....

— ער וועט נאָך מאכען א בייבעל דער שיקסע — האט ווידער געזאָגט זלכן און האָט בייז א קוק געטאָן אויף יאנקלען.

— נו, נו, שוויג, שוויג! האָט הירש בער איהם אונטערבראָכען — זיי דוא נור א פרומער בחור. פאר יאנקלען זאָל דיך ניט אריין....

— וועט איהר שוין זעהן, רבי הירש בער.

יאנקעל האָט זיך געווּזט געשטעלט מיטן רוקען צו זיי און האָט גענומען דאווגען. בּיי דיא לעצטע ווערטער פון זלמנען האט ער זיך א קעהר געטאָן, האָט אויסגעשטעלט אויף זלמנען א פאר בייזע אויגען, האט גענומען איהם סטראשען

מיטן פינגער, אויף וועלכען איז געווען ארומגעדרעהט דיא רצועה, און האט אויס־געשריען: — דוא שטיל זשיי, סאבאקא דוא, דוא שווייג בעשער!....

— עס האָט זיך שוין ווידער אנגעהויבען! האָט א געשרוי געטאָן הירש בער, קיקענדיג דאָ אויף זלמנען און דאָ אויף יאנקלען: — איהר זאָלט בעסער שווייגען.

זכמן האט עפּעס גענומען בורטשען און איז ארויס פון שטוב.

IV

יעדען יאָהר צוויי וואָכען אין מאָנאט יולי איז אין נאוואסעלסק א גרויסער יאריד. דער יאריד געדויערט צוויי טעג נאָכאנאנד. אהערצו קומען דאן אראָפּ דיא אידעשע קרעמער פון דיא ארומיגע שטעדטלאך מיט פערשיידענע סחורה; זיי האנ־דלען, מאכען דאָ געשעפטען. דיא פויערים מיט זייערע ווייבער און קינדער, וואָס וואוינען ביז 15 וויאָרסט ארום נאוואסעלסק, קומען אויך אויפ׳ן יאריד און קויפען אדער פארקויפען. דער ערשטער טאָג פון יאריד איז ביי דיא פישער פון חאלם אויך א יום טוב, זיי ארבייטען דאן ניט און פארברייננגען דעם גאנצען טאָג אין נאוואסעלסק.

אויף אלע וועגען, וואָס האבען געפיהרט צו נאוואסעלסק, האבען פון גאנץ פריה אָן זיך געשלעפּט פויערים, פויערטעס און זייערע קינדער.

דיא פויערים זיינען געוועזען אָנגעטאָן יום טוב׳דיג: אין סארע, וואָלענע, קורצע, ברויטע קאפטאנעס, אונטערגעגארטעלט מיט רויטע אָדער בלויע גארטלען, אין ברויטע שטיוועל, אויסגעשמירטע מיט פרישען דיעגעכץ אדער אין פריש גע־פלאָכטענע ליאפּטשעס. דיא פויערטעס מיט וויסע טיכלאך אויפ׳ן קאָפּ און אין פערשיעדענע געבלומטע לייוועגדענע קלוידלאך מיט עופות אין דיא העגד אדער מיט קערבלאך, פאררעקטע פון אויבען מיט היי, — האָבען זיך געשלעפּט ביי ביידע זיי־טען פון דיא ברייטע זאמדיגע וועג. אנדערע פויערטעס האָבען געטראָגען אין דיא הענד מאָטקעס פּאָדים אדער וואָל און צווישען בוזים—אויער. דיזע האבען זיך גע־האלטען אין גאנג פון וויטען פון דיא אנדערע, מורא האָבענדיג פאר א סיבה: ניט אנצושלאָגען זיך מיטן ברוסט אן אימעצענס א פלייצע און ניט אָנמאכען א חורבן פון דיא אויער....

איבער זאמדיגען וועג האָבען פויערים געפיהרט אויף שטריקלאך אָקסען און בהמות. דיא פויערטעס אָדער זייערע קינדער האבען זיי פון הינטען אונטערגעטרי־בען מיט בייטשען און ריטלאך.

ווען א בהמה פלעגט זיך איינשפארען אין מיטען דעראינען און פלעגט ניט וועלען גיין, פלעגט דיא אונטערטרייבערין אדער אונטערטרייבער אנגעהמען דיא

בהמה אהינטען פארן עק, פלעגט איהם אנהויבען צו דרעהן, דיא בהמה פלעגט דאן אוועק טאנצענדיג....

איבער דיא גאנצע לענג פון דיא דאָרף גאוואסעלסק זיינען אויסגעשטעלט ווייסעביידלעך מיט פארשיידענע סחורה. סיטעץ, פארשיידענע טוכען, זאלץ, מעהל, שוועבעלאך, הארמאָניקעס, פיעדלען, פייפלאך, מעסענע קייטלעך, מעסענע רינגען, אפילו שווארצע פעסער מיט דיעגעכץ.

נעבען דיא ביידלאך שטעהן אידען און אידענעס, יונגע און עלטערע, שרייען, סאָפען, שלעפען דיא פויערים, מעסטען און וועגען....

דיא פויערים, אנדערע שיכור'ע, שרייען, זידלען זיך, קושען זיך איינע מיט דיא אנדערע. דאָרטען פליהט א ציגיינער אויף א פערד רייטענדיג, א צווייטער ציגיינער מיט א שווארצען געקרויזטען קאָפּ אהן א היטעל, לויפט אהינטער פערד און שמייסט איהם מיט א בייטש; דער פערד שפּרינגט, שלאָגט מיט דיא הינטערשטע פיס, דער רייטער דריקט איהם מיטן פויסט אין רוקען, זידעלט זיך; דער צווייטער ציגיינער מיטן בייטש שמייסט ווידער דעם פערד, און דער פערד לאָזט זיך אוועק אין גאלאָפּ. פון ווייטען שטעהן עטליכע פויערים קונים, וואס דינגען דעם פערד. באלד איז דער ציגיינער מיטן פערד צוריק, ער שפּרינגט אראָפּ אויף דרערד, פיהרט צו דעם פערד צו דיא פויערים, טהוט איהם א זעץ מיטן פויסט אין מאָרדע, דאָס דער פערד טהוט א ציטער מיטן גאנצען קערפּער, טהוט א כריפּע און טהוט זיך א וואָרף אָן א זייט.... „ט־פּ־רו. וואסקא!" שרייט דער ציגיינער צום פערד, שלעפּט איהם פארן צוים צו זיך, קאָכט זיך, קלאפּט דיא פויערים איבער דיא הענד און פארמסחורט זיין סחורה....

אויף א צווייטען אָרט האָבען זיך איינינע אידען און פויערים ארומגעקליבען ארום א בהמה, האבען געציילט דיא קארבען אויף איהרע הערנער, אום צו וויסען, פון וויפיעל קעלבער זיא איז א מוטער....

דאָרטען שפּיעלט א פויער אויף א הארמאָניק און זינגט דערביי אונטער מיט א שיכורן קול.

פון אן אנדער זייט הערט זיך דיא פרייליכע טענער פון א קאָמארינסקע, וואס גיעסען זיך פון א פיעדעל פון א דאָרפישען כלי זמר....

א געשריי, א ליארם, א געפּילדער, א טאָפּען פון פערד, א זשוזשען פון בייטשען אין לופטען, א ראָוען פון בהמות, א שניידיזנדער געשריי פון עופות, א יענגעריי, א געלעכטער, טענער פון הארמאָניקעס, טענער פון פיעדלען—אלעס איז

צומישט אין איין הויפֿ און טראָגט זיך אין דיא לופֿטען, און שפּאַלט, דאַכט זיך, דעם הימעל....

דיא לופֿט איז פֿריש, מחיה'דיג; עס שמעקט מיט פֿרישע, געטריקענטע היי...

דער הימעל איז אין מיטען בלוי און ביי דיא זייטען אויסגעלויגט מיט פֿייער־דיגע, רויטע קאַנטען.... עס איז שוין לאַנג נאָך האַלבען טאָג.... דיא רויטע זון לאָזט זיך לאַנגזאַם ארונטער הינטערן שווארצען וואַלד און צוגיעסט זיך איבער דיא שפּיצען בוימער, וויא א מוראדיגע פֿייערדיגע כוואַליע...

פּלוצים האט זיך צווישען דיא מענגע באַוויזען יאַנקעל.

ער איז געוועזען אָנגעטאָן יום טוב'דיג: אין זיין שווארצען פּידזשאַק און אין זיינע שטיוועל מיט הויכע קאָרקעס און מיט לאַנגע כאַלאַוועס. דיא שווארצע הי־טעל מיט אַן אָפּענע לעצעל האט ער געטראָגען אויפֿ'ן שפּיטץ קאָפּ, אויף א זייט.

ער איז געגאַנגען אין מיטען דאָרף צווישען דיאביידלאָך און האט מיט דיא אויגען געקוקט אויף אַלע זייטען.

ער האט דערזעהן פֿון וויטען דעם פֿויער איוואַן דעם פֿישער.

יענער איז געגאַנגען געגען איהם א שיכורער מיט אַן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, האט זיך געקאַטשעט אויף דיא פֿיס פֿון איין אָרט אויפֿ'ן אַנדערען, האט געמאַכט מיט דיא הענד, האט געטאַפּט אין לופֿטען, האט געשאָקעלט מיט דיא ליפּען און האט עפּעס געמורמעלט אונטערן נאָז, טענהנדיג מיט זיך אליין.

יאַנקעל האט איהם אָפּגעשטעלט פֿאַר אַן ארבעל.

— איוואַן, האָסטו געזעהן נאַטאַשאַ? האט ער איהם געפֿרעגט.

איוואַן האט איהם אָנגעקוקט מיט מוטנע, גלעזערנע אויגען, האט גענומען קאָרטשען מיט דיא ליפּען, אקוראט וויא ער זאל זיך פֿאַסמאַקעווען פֿון עפּעס א גוטען מאכול און האט גענומען זינגען מיט א הייזעריגען פֿאַלשען קול, שאָקלענדיג זיך אויף דיא פֿיס און אויסשטרעקענדיג ברייט זיינע ביידע ארעמס, אזוי וויא ער זאל זיך וועלען אַן עפּעס אנכאַפּען.

— „וועליק דען אידעט,
קראַסני יאיצא נעסעט,
נעסעט, נעסע־ע־עט!"

האט ער געזונגען.

יאַנקעל איז אוועק ווייטער.

וואו איז נאַטאַשאַ? וואו האט זיא געקענט אהין קומען?

זיא איז געקומען מיט איהם; ער האט זיא מכבד געווען מיט זיסע ביער. ער

איז געגאנגען איהר קויפען א רינג. דעם רינג האט ער איהר שוין לאנג צוגעזאגט, לאנג, לאנג, אין יענעם גליקליכען פרייטאג ביי נאכט אויפ'ן פעלד, — צווישען דיא קארען זאנגען, וואס האבען געבויגען זייערע גאלדענע קעפעלאך, אקוראט וויא זיי זאלען זיך צוהערען צו דיא ברענענדע קושען, צו דעם ליידענשאפטליכען געמורמעל פון יאנקעל און נאטאשא....

ווען יאנקעל האט זיך צוריקגעקעהרט מיטן רינג, איז נאטאשא שוין ניט געווען אויף יענעם ארט, וואו ער האט זיא געלאזען.

וואו איז זיא? וואוהין איז זיא אוועק? אפשר איז זיא ביי דיא „איגרישצע“?

ער האט גענומען קוקען אויפ'ן פעלד. דארטען אן א זייט נעבען דיא טויערן פון דארף. אונטערן פרייען הימעל, וואו עס זיינען געלעגען גרויסע קופעס היי, האבען געטאנצט דארפישע מיידלאך און בחורים.

פון ווייטען האבען זיך געזעהן דיא ווייסע, ברייטע ארבעל פון דיא קאפטאצקעס, וואס דיא מיידלאך האבען געטראגען אין דיא סארע קורצע קאפטאנעס פון דיא בחורים. עס האט זיך געהערט פון דארטען א געפילדער, א געלעכטער, א קווי־טשעריי, א איינטאניגער טארראריקען פון א פיעדעל און דיא טענער פון א האר־מאניק, וואס האט גוואלדיג געקווטשעט א האפקע....

יאנקעל האט מיט פארריסענע אויגען אויף דיא איגרישצע גענומען גיין אהין, פלוצום איז יאנקעל געבליבען שטעהן, וויא איין איינגעגראבענער.

ניט ווייט, לעבען א ביידעל, זיינען געשטאנען נאטאשא מיט זלמנען און האבען עפעס געדונגען.

נאטאשא איז געווען אנגעטאן אין א רויטע, קומאטשעווע קלוידעל מיט גרינע לענטעס ביי דיא זייטען, אין א ווייסע קאפטע מיט ברייטע ארבעל; אויפ'ן האלז האט זיא געטראגען א שנירל גרויסע רויטע קאראלען; איהרע בלאנדע האר זיינען געווען פארפלאכטען און אראפגעלאזען פון הינטען אין א לאנגען צאפ. זלמן איז אויך געווען אנגעטאן יום טוב'דיג; אין אזא רעקעל, וויא יאנקעלס, נור אין אכטע שטיוועל.

יאנקעל האט דערזעהן, וויא זלמן האט געגעבען נאטאשאן א רינג, וואס ער האט נור וואס געקויפט נעבען ביידעל, און וויא זלמן האט זיא אנגענומען פון הינטען פאר איהר ווייסען נאקען.

ביי יאנקלען האבען זיך פעסט צוזאמענגעדריקט דיא פויסטען און ביי איהם האט זיך ארויסגעריסען א שטארקער רוסישער ווערטעל....

אין זיין נשמה האט זיך ערוועקט א ווילדע אייפערזוכט....

שוין־זשע?.... שוין־זשע?.... וואס נעהמט זיא ביי איהם עפּעס ריינגען?...
עך, נאטאשא, עך, זלמן, היט אייערע ביינער!

ער וואלט, דאכט זיך, צוגעלאפען יעצט צו זלמנען; סאבאקא דוא, וואלט ער געזאגט — וואס רייסטו דיינע אויגען אויף נאטאשא? ווייסטו דען ניט, דאס איך ליעב זיא, איך, דוא הערסט? אך, טראסצא טוואיעי מאטערי! און דא וואלט ער געגעבען זלמנען איינעם. דעם צווייטען, דעם דריטען.... לאז זיא זעהן, לאז וויסען נאטאשא, וויא אזוי יאנקעל רעכענט זיך, ווען מען ריהרט אן זיין נאטאשא...

און זיא וואלט ער אויף א כאפּ גענומען אזוי אונטער'ן פּאכווע, וויא א קקומיק, און וואלט מיט איהר אוועקגעלאפען וויים, ווייט פון דאנען,—אהין, וואו עס שטעהט דער שווארצער וואלד, וואו דיא גרינע בוימער שושקען זיך, וואו דיא קלייניגקע פייגעלאך וויגען זיך אויף גרינע צווייגען און פּיפּסען און שווישטצערען אזוי פריילאך...

דארטען, אין דעם דונקעלען, קיהלען שאָטען פון דיא הויכע בוימער, אויף דיא טיעפע, פרישע שמעקעדיגע גראָז וואלט ער זיא געוואָרפען און ער וואלט אויף איהר צוריסען איהר ווייסע קאָפטע מיט דיא ברייטע ארבעל, איהר ווייסע ליינווענדענע העמד, און ער וואָלט זיך איינגעגעסען מיט זיינע ציינער אין איהר קלאָרען דיקען קערפּער...

— ניי ניט מיט זלמנען, האב איהם פיינד, נאטאשא! — וואלט ער געשריען — ליעב נור מיך, מיך אליין!....!

און דאן וואלט ער זיא געגלעט, און דאן וואָלט ער זיא געקושט, און דאן וואָלט ער זיא צוגעדריקט צו זיך מיט אלע קרעפטען.... און דאן.... און דאן.... איך ליעב דיך, נאטאשא.... או־אר־או!....

פּלוצים האט זלמן אנגענומען נאטאשא פאר דער טאליע. נאטאשא האט הויך געלאכט.

יאנקעל האט זיך ארים געטאן פון זיין ארט; ער איז צוגעשפּרונגען פון הינטען צו זלמנען.

— סאבאקא, אוועק!.... דיא קישקעש דיר ארוישלאזשען! ער האט א שלעפּ געטאָן נאטאשא פון איהם.

ער איז געווען בלאס; דיא אויגען האבען בייז געבלישצעט, דיא היטעל איז ביי איהם אראפּגעפאָהרען אויפ'ן פּאטילניצע. ער איז געווען בערויט זיך צו שלאגען און ער האט געדריקט זיינע פויסטען.

זלמן האט געקוקט אויף איהם מיט צומישטע אויגען. יאנקעלם אָנפאל איז געווען אזוי אונערוואַרטעט פאר איהם, דאס ער האט זיך ניט אויף צו פלייסען

דערשראָקען. זיין שרעק איז געוואָרען נאָך גרעסער, ווען ער האָט דערזעהן, וויא „בוילע“ קאָכט זיך....

— נו, שלאָג זיך, שלאָג זיך, פּרוביר! האט זלמן גערעדט צומישט, אָפּטרע־טענדיג הינטערווייל׳עכץ ווייטער פון יאנקלען און ניט אראָפּנעהמענדיג זיינע קיי־לעכדיגע אויגען, וואס זיינען יעצט געווען נאָך קיילעכדיגער אויס שרעק, פון יאנקעלס פּנים.

ארום האבען זיך פארקליבען עטליכע פויערים און עטליכע אידישע קרעמער און האבען געלאכט.

נאטאשא איז געשטאנען און האט מיט צושראָקענע אויגען געקוקט אויף יאנקלען. אויף א פינגער האט געבלישצעט ביי איהר א מעסענער רינג מיט א פאלשען שטיינדעל, וואס זלמן האט איהר געקויפט.

פּלוצים האט יאנקעל א כאפּ געטאָן איהר פינגער מיט אזא קראפט, אז נא־טאשא האָט א געשריי געטאָן און האָט א שפּרונג געטאן פון וועהטאָג, ער האט אראָפּגעריסען דעם רינג און האָט איהם א שליידער געטאָן אָן דרערד און האט איהם געגומען טאָפּטשען מיט דיא פיס — דער רינג איז בעגראבען געוואָרען אין דעם טיעפען, געלען זאמד....

נאכדעם האט ער באפּ געטאן נאטאש׳ן פאר אן ארבעל און האט זיא איועקגעשלעפּט.

פון הינטען האט יאנקעל געהערט א הויכען געלעכטער און זלמנ׳ס קול, וואס האט גערעדט צו דיא אידען:

— דאס איז זיין כלה, דעם בוילעס.... גייט זיך שמדן.... געקענט זיין טאטען.... געוואלט אפּריידען פון איהם דיא שיקסע....

עס האט זיך דערהערט נאך א העכערער געלעכטער.

יאנקעל האט א צימער געטאן. זלמנס ווערטער און רער געלעכטער פון דיא אידען האבען איהם יעצט צוטומעלט. א שיקסע.... דער טאטע.... גייט זיך שמדן....

ניט דעם ערשטען מאל איז אויסגעקומען יאנקלען צו הערען אזוינע ווערטער פון זלמנען; דיזע ווערטער פלעגען איהם אלע מאל מאכען בייז.... אלע מאָל, ווען זלמן פלעגט זאגען: „ער וועט זיך שמדן, איהר וועט זעהן, רבי הירש בער....“, פלעגט עס קלינגען אין יאנקעלס אויערען אזוי וויא מען וואלט זאגען: יאנקעל וועט ווערען א גנב, איהר וועט זעהן.... אין אזוינע פעלע פלעגט זיך אין יאנקעלס נשמה ערוועקען בלויז א בייזער געפיהל אויף זלמנען און איהם פלעגט זיך ווילען

שלאגען זלמנען, וויא פאר יעדע זאך, וואס זלמן פלעגט אפטאן, און וואס יאנקלען איז געווען ניט געפעלען.

יעצט אָבער האט זלמנס ווערטער ארויסגערופען אנאנדער געפיהל אין יאנ-קעלס נשמה, אזוי וויא עפעס א געפיהל פון שרעק. צו איז דאס געווען דערפאר, ווייל יאנקעל האט געהערט דיזע ווערטער אין דער צייט, ווען אין איהם האט שטארק געברענט דיא ליידענשאפט צו נאטאשען אויס אויפערזוכט צו זלמנען אדער דערפאר, ווייל זיין טאטענס נאמען איז אצינד דערמאָנט געוואָרען, צו דערפאר, ווייל דער געלעבטער פון דיא אידען האט געווירקט אויף זיין נשמה, — יאנקעל איז צוטומעלט געוואָרען, וויא פון א פלעצליכער שרעק....

פאר זיינע אויגען האט פלוצים אפגעלעבט זיין טאטע מיט זיין שפיטציג גרויע בערדעל, א קראנקער, וויא אין דיא לעצטע יאהרען, האט געקוקט אויף איהם אזוי בייז, אזוי בייז....

יאנקעל האָט א קוק געטאן אויף נאטאשא. זיא איז געגאנגען לעבען איהם האט געקוקט אן זייט און איז געווען ברגז.

— ווארום איז זיא ניט קיין אידישע? — האט ער א טראכט געטאן צום ער-שטען מאָל — אדער וואלט איך כאָטש ניט געווען קיין איד!?....

און זיין טאטענס געשטאלט שטעהט אלץ פאר זיינע אויגען.

יאנקעל האָט א כאפ געטאָן נאטאשא פאר א האנד. און האט געזאָגט וויא ערשראָקען:

— קום, נאטאשא, אהין, צו דיא איגרישצע, קום, קום!....

נאטאשא האט זיך אָפגעשטעלט.

— ניע פאָידו! האָט זיא געזאגט, אנשטעלענדיג ברגז איהרע ליפען און קו-קענדיג אן א זייט. — איך וועל ניט גיין, דוא ביזט א שלעכטער. דעם רינג האסטו ביי מיר אפגענומען....

— נא, נאַ, נאטאשא, מיין רינג, א בעסערער.... קום, קום....

ער האט ארויסגעכאפט פון קעשענע א רינג, האט דערלאנגט נאטאשאז און האט זיא אוועקגעשלעפט צו דיא איגרישצע, וואו דיא דארפישע מיידלאך מיט דיא בחורים האבען געטאנצט.

דארטען אויף דיא גראז איז געזעסען א יונגער פויער אין א רויטע העמדעל אהן א היטעל, דיא פיס אונטער זיך, האט געשפיעלט אויף א הארמאניק, האט געמאכט מיט דיא פלייצעס, מיטן האלז און מיטן קאפ, האט געקרימט מיט דיא ליפען צום טאקט צו דיא פריילינע טענער.

נעבען איהם איז געשטאַנען אַ צווייטער יונגער פויער אין אַ קורצען פּאַרען, וואָלענעם רעקעל, האָט געהאַלטען אַ פּיעדעל און האָט מיט אַלע קרעפטען געריבען דעם סמיק אָן די סטרונעס, און ווילדע פריילעכע טענער האָבען זיך געגאָסען פון דער פיעדעל, האָבען זיך געמישט מיט די קוויטשענדע טענער פון דעם האַרמאָניק.

אַרום זיינען געשטאַנען פוירעשע מיידלאך און בחורים. האָבען הויך געלאַכט, האָבען זיך געהאַלטען פאַר די הענד און האָבען זיך געדרעהט אין אַ פריילעכען „כאָראָוואָד".

ניט ווייט זיינען געלעגען אויף'ן פעלד הויכע קופּעס היי....

דאָרטען, לינקס, האָט זיך געזעהן די אַזערע; דער ווייטער צווייטער ברעג, וואָס איז געלעגען נעבען דאָרף חאַלם, איז געווען אָפּגעטונקט מיט אַ רויטען פייער, אַזוי ווי די וואַסער וואָלט ברענען, פון דער פאַרגייענדער זון....

דער שוואַרצער וואַלד אַנטקעגען איז יעצט געווען פינסטערער און האָט גע־וואָרפען ווייט, ווייט אַרום זיך גערדיכטע, דונקעלע שאָטענס.

רעכטס, אין מהאַל, האָט זיך רוהיג געפּאַשעט אַ סטאַדע בהמות, שעפּסען און באַראַנען, האָבען געקלונגען מיט די גלעקלאך, וואָס זיינען ביי זיי געהאַנגען, אַרום די העלזער.

דער פּאַסטוך, אַן אַלטער פויער מיט אַ ווייסער באָרד, אין אַ פּאַרע סערמיאַגע, איז געלעגען אויף'ן בויך, האָט געקוקט מיט פאַרזשמורעטע אויגען פון ווייטען אויף די יונגוואַרג, וואָס האָט געטאַנצט.

צייטענווייז פלעגט ער אַ כאַפּ טאָן די לאַנגע בייטש, וואָס איז געלעגען נעבען איהם, פלעגט זיך אָנשפּאַרען אויף'ן עלענבויגען אויף אַ זייט, פלעגט אַ מאַך טאָן מיט'ן בייטש צו דער סטאַדע, אַקוראַט ווי ער וואָלט זיי ווע־לען אָנסטראַשען, דאַן פלעגט ער זיך ווידער אויסציהען אויף'ן בויך און פלעגט מיט פערגניגען ווידער זשומערין די אויגען אויף די טענצער.

יאַנקעל מיט נאַטאַשאַן זיינען צוגעגאַנגען צו דעם פריילעכען עולם. נאַטאַ־שאַ איז גלייך אַריין אין כאָראָוואָד, האָט אָנגענומען אַ מיידעל מיט אַ בחור פאַר די הענד און האָט זיך גענומען דרעהען מיט אַלעמען, הויך אונטערשפּרינגענדיג מיט די פיס.

יאַנקעל איז געבליבען שטעהן פון הינטען און האָט מיט אונמוטהיגע אויגען געקוקט אויף דער איגרישצע.

מיט אַ שטונדע נאָך צוריק וואָלט ער זיך אַריינגעוואָרפען מיט אַזאַ פייער

אין מיטען פון דעם טאנצענדען עולם, וואלט זיי אלעמען געוויזען, וויא אזוי ער, יאַנקעל, קען טאנצען. יעצט אבער האט איהם א דונקעלער געפיהל פון א טיעפען אונמוטה געמוטשעט.... אין זיינע אויערען האבען נאך געקלונגען זלמנ'ס ווערטער: ער גייט זיך באלד שמד'ן.... דיא שיקסע זיין כלה... זיין טאטע... און וויא יאַנקעל האט זיך ניט געסטארעוועט צו פארשטיקען אין זיך דעם טויטען געשטאלט פון זיין טאטען, איז ער אלץ מעהר און מעהר, מיט מעהר לעבהאפטיג־קייט ארויסגעטראָטען אין יאַנקעל'ס געדעכעניש....

אך, ווארום טאר ער זיך ניט צלם'ן?....

יאַנקעל ווייסט, דאס ביי דיא פויערים איז דער צלם'ן זיך א גוטער מיטעל צו אלע שלעכטע חלומות און צו אלע שרעק.... ווען ער וואלט געווען א פויער, וואלט ער זיך יעצט איבערגע'צלם'ט און זיין טאטענס געשטאלט וואלט איהם ניט געשראָקען מעהר....

ער דערמאנט זיך, אז ביי אידען איז אויך דא עפּעס א מיטעל פיר אזוינע זאכען... קריאת שמע.... יא, זיין טאטע פלעגט איהם אלע מאל זאגען: „לייען, יאַנקעלע, קריאת שמע, דיא שדים קענען נאך דיך צוגעהמען“.... דיא שדים, הייסט עס, האבען מורא פאר קריאת שמע, ועט דאך זיין טאטע אוודאי מורא האבען פאר קריאת שמע....

„אל מלך נאמן — הויבט יאַנקעל אָן מיט גרויס כונה, מאַכענדיג פאר זיך מיט דיא ליפען: — „שמע ישראל ה' אלהינו, ה' אחד! ברוך שם כבוד מלכותו, מלכותו, מלכותו“....

ווייטער געדיינקט ניט יאַנקעל. ער שטריינגט אָן זיין מוח: מלכותו, מלכותו.. ער געדיינקט ניט מעהר.

דאך איז איהם, פיעל גרינגער געווארען, יעצט אויף'ן הארצען...

ער וועט קומען א הוים, וועט נעהמען דעם סדור און וועט לייענען קריאת שמע. ער האט אויסגעפונען א גוטען מיטעל געגען זיין טויטען טאטען.

און מערקווירדיג, ווען יאַנקעל האט אזוי געטראכט, איז זיין טאטענס גע־שטאלט פערשוואונדען פון זיין געדעכעניש, אזוי וויא אין דער אמת'ן דער טויטער טאטע האט זיך דערשראָקען פיר דעם סטראשען פון זיין זון....

יאַנקעל האט יעצט גענומען קוקען מיט אנדערע אויגען אויף דיא אינגרישצע. א יונגער פויער האט יעצט געטאנצט גאנץ אליין א קאָמארינסקי.

דער עולם האט זיך צוגעקוקט מיט לעבהאפטע פנים'ער.

דער פויער אָהן א הימעל, אָהן א ראָק, מיט אויסגעקאטשעטע אויגען, האט

הויך געוואָרפען מיט דיא פיס, האט געדרעהט מיט דיא לענדען אויף אלע זייטען, האָט זיך געקלאפט מיט'ן הינטען אָן דר'ערד, שרייענדיג: הו־הא! הו־הא!

דער עולם האט צוגעשאָקעלט מיט דיא קעפּ און האט פון התפעלות גע־פילדערט....

נאטאשא איז אויך געשטאַנען פון פאָרענט און האט אויך געשריען מיט אלעמען צו גלייך.

יאנקלען האט זיך פארוואָלט ווייזען, וואס ער קען....

ער האט זיך דורכגעקוועטשט דורך דעם עולם, איז אריין אין מיטען און האט גענומען שמייכלען. גלייך האבען איהם דערקענט דיא מיידלאך און דיא בחורים. — יאנקעל, יאנקעל, האט מען גענומען שרייען פון אלע זייטען — יאנקעל, טאנצוי!....

דער פויער, וואס האט געטאנצט, ווען ער האט דערזעהן יאנקלען, האט גענומען העכער שפּרינגען, ווארפען מיט דיא פיס און האט, טאנצענדיג, געמאניעט מיט דיא הענט יאנקלען צו זיך, ד. ה. יאנקעל זאל טאנצען נעגען איהם.

דאן איז דער געשריי פון דעם עולם געוואָרען נאך שטארקער: — יאנקעל, סטופּאי, סטופּאי!....

נאטאשא איז צו איהם צוגעלאָפען און האט איהם קאָקעטיש א שטופּ געטאן פארן פלייצע. — סטופּאי, יאנקעל, סטופּאי!....

ער האט זיך ניט לאנג געלאָזט בעטען; ער האט אראָפּגעוואָרפען פון זיך דעם רעקעל און דיא היטעל, האט א גלעט געטאָן מיט דיא הענד זיינע עלענבוי־גענס, אקוראט וויא ער זאל זיך צוגרייטען מיט אימיצען זיך שלאָגען, און האט א געשריי געטאָן: קאטאי, וואלאי, רעביאטא!....

דער עולם האט זיך גענומען שטופען ארום איהם נעהענטער; דיא וואס זיינען געשטאַנען פון הינטען, האבען זיך געשטעלט אויף דיא ציפּעצקעס; אייניגע מיידלאך, וואס זיינען געשטאַנען אהינטער, זיינען אָפּגעלאָפען אָן א זייט, וואו דער פלאץ איז געווען אביסעל העכער, האבען אויסגעצויגען זייערע העלזער, האבען פאררוסען זייערע קעפּ אריבער דעם עולם, האבען געקוקט מיט א ברייטען שמייכעל אויף יאנקלען, וואס האט גענומען טאנצען....

דיא פיעדעל האט ארויסגלאָזען משוגענע, ווילדע, פרייליכע טענער; דער הארמאָניק האט געקווימשעט.

יאנקעל האט גענומען באוועגען זיינע פלייצעס, האט פארוואָרפען דעם קאָפּ אהינטער, האט זיך אנגענומען פארן רעכטען זייט און האט גענומען טאנצען א

פריהער פּאַמעלאַך, פּאַמעלאַך און אַן אַ זייט. באַלד אַבער האָט ער זיך פאַנאַנ־דערגעגאַנגען.... —ער האָט אַ געשריי געטאָן: האָפּ, האָפּ, האָפּ! צום טאַקט פון דיא כלי זמר, און האָט גענומען וואַרפען מיט דיא פיס, טאַנצענדיג אויף איין אָרט, קלאַפּענדיג מיט דיא פיס אַהינטער, וואַרפענדיג זיך מיט׳ן הינטען אָן דרערד דיא פיס אונטער זיך, אויפשפּרינגענדיג ווידער און קלאַפּענדיג אַ כּאָלאָווע אָן אַ כּאָלאָווע......

דער עולם האָט געשריען, זיך געזידעלט און האָט געלאַכט פון התפּעלות.

דער צווייטער טענצער האָט יעצט געטאַנצט מיט נאָך מעהר קרעפטען וויא פריהער, סטאַרעוועגדיג זיך צו נושא חן זיין ביי דיא מיידלאַך מיט דעם, וואָס ער וועט טאַנצען בעסער וויא יאַנקעל.

ער האָט געטאַנצט יאַנקלען ביים זייט און האָט זיך געדרעהט ארום איהם.

פּלוצים האָט יאַנקעל גענומען טאַנצען געגען איהם, נעהנטער, נעהנטער, עם האָט, דאַכט זיך, אויסגעזעהן, וויא יאַנקעל מיט איהם שלאָגען זיך מיט דיא שטערענס; אָט האָט זיך יאַנקעל אַ דרעה געטאָן אָן אַ זייט, האָט זיך אומגע־דרעהט מיט׳ן רוקען צו יענעם און האָט גענומען טאַנצען מיט׳ן הינטען צו איהם, און אָט איז ער צוגעפלויגען נאָהענט צו יענעם, טאַנצענדיג, און האָט איהם אַ שטופּ געטאָן מיט׳ן הינטען, יענער האָט זיך אויסגעצויגען מיט׳ן פּנים אויף דרערד.

דער עולם האָט אויסגעבראָכען און אַ שטורמענדען געלעכטער. נאַטאַשאַ האָט זיך געהאַלטען ביי דיא זייטען פון געלעכטער און האָט מיט הרחבה געקוקט אויף יאַנקלען, וואָס האָט ווייטער געטאַנצט.

דער טענצער איז אויפגעשטאַנען פון דרערד. „שטעה!“ האָט ער גענומען שרייען צו יאַנקלען. יאַנקעל האָט אַבער איהם ניט געהערט און האָט געטאַנצט ווייטער.

דער טענצער האָט אָנגעכאַפּט יאַנקלען פאַר אַ האַנד, יאַנקעל האָט זיך געוואָלט ארויסרייסען, אַבער יענער האָט איהם געהאַלטען שטאַרק.

דער טענצער האָט אָנגעכאַפּט יאַנקלען פאַר׳ן ברוסט און האָט זיך גענומען זידלען. יאַנקעל האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף איהם און זיי האָבען זיך גענומען שלאָגעןביידע צורייצטע, ביידע אויפגעקאָכטע....

אין־מיטען־דעראיינען איז צו זיי צוגעלאָפען נאַטאַשאַ, אַ בלאַסע, אַ צושראָ־קענע. — ראַטוויטע, האַלוקאַ מאַיא ביעדנאַיא! האָט זיא געשריען און האָט זיך אַריינגעוואָרפען אין מיטען צווישען דיא צוויי שלעגערס. זיא האָט געקוקט יאַנקלען

אין פנים, האט אנגעכאפט איהם פאר דיא הענד, האט מיט'ן רוקען געשטופט זיין געגנער און האט געשריען: יאנקעל, יאנקעל, דאָ! דאָ!.... גענוג!....

יאנקעל איז דאן מיט איהר אָפּגעטראָטען אָן א זייט, האט געקוקט בייז אויף זיין געגנער, וועלכער איז געשטאנען פון ווייטען און האט זיך גערזידעלט, און ער האָט געווישט מיטן ארבעל פון זיין העמד דעם שוויים פון שטערען.

V.

דערווייל׳ע איז אין דאָרף ארויס א קלאנג, אז יאנקעל איז פארליעבט אין נאַטאשאַן און וויל זיך צוליב איהר שמדן. דאס האט מען גערעדט איבערן גאנץ דאָרף אי פויערים אי פויערטעס, אי יונגע, אי אלטע. דעם קלאנג האט ארויסגעלאָזען זלמן.

דיא פויערים און דיא פויערטעס פלעגען באגעגענען יאנקלען פיעל פריינדלי־כער, וויא געוועהנליך.

„דעווקא לאדנאיא—פלעגען דיא פויערים זאָגען אהן חכמות — דיא מיידעל איז א וואוילע, טשאווא יאמו ניע כרעכטיטסיא, א טשעם יאהאָ זשידאָווסקאי וויערא לעפשע?“ — פאר וואס זאָל ער ניט ווערען א קריסט, מיט וואָס איז זיין אידעשער גלויבען בעסער? דאָס האט אויך דערהערט ר׳ אברהם׳ל, יאנקעלס פעטער, וואס האט איבערגענומען נאָך נחום׳ס טויט דעם שיינק אין דאָרף.

ער איז געוועזן א קורצער, ברייטער אידעל מיט א שפּיטציג שווארצער בער־דעל און מיט א פנים, זעהר ענליך צום פארשטאָרבענעם נחום.

איין מאָל א שבת ביי טאָג איז ער געקומען צו דיא פישער. איינינע פישער זיינען געזעסען ארום טיש און האָבען געשמועסט וועגען עפּעס. דאָ איז געזעסען דער אלטער הירש בער, האצע, זלמן און אָן א זייט, רייטענדיג אויף א ביינקעל, — יאנקעל.

איוואַן איז געזעסען אויפ'ן פאדלאָגע און האט אָנגעבונדען שווארצע שטיינ־דלאך צו א נעטץ. נאטאשא האט אויפ'ן הויף צונויפגעלייגט שייטלאך האָלץ אין א קאסטיאָר.

ר׳ אברהם׳ל האט אָפּגעזאָגט זיין גוט שבת און האט זיך געזעצט קעגען הירש בער'ן ביים טיש.

— ווּעסט מאכען ברכה, אברהם׳ל? האט איהם געפרעגט הירש בער?

אברהם׳ל האט א שאָקעל געטאָן מיטן קאָפּ, האט פון דער זייט גענומען קו־קען אויף יאנקלען מיט רחמנות'דיגע אויגען, האט גענומען מאכען מיטן קאָפּ, אזוי וויא ער זאָל אימיצען שטאַרק בעדויערען, און האט א זיפץ געטאָן.

— וואס זיפצעסטו, אברהם׳ל? האט ווידער געפרעגט הירש בער דעם מאל

אין א לייכטען קאָמישען טאָן: — דיר טהוט וועה דער בויך? נאַ, נעהם א גוטען שמעקט אבאק, דאס איז א טייערע סגולה צו בויכוועהטאג. ער האט אויסגעשטרעקט זיין האנד מיט דיא קאָרע פּושקע צו אברהם׳לען.

זלמן מיט חאַצען האבען גענומען לאַכען. יאנקעל האט אויך א שמייכעל געטאָן.

אברהמל האָט אָבער געזיפצעט ווייטער, האט געקוקט אויף יאנקלען און האט געזיפצעט.

— רבי הירש בער—האט ער ארויסגערעדט מיט א וויינענדיגען, צושראָקענעם קול, קוקענדיג אויף הירש בערן מיט טעמפּע אויגען: — רבי הירש בער, נחום האט דאָרטען ניט קיין מנוחה, וועה איז מיר! ער איז היינטיגע נאכט צו מיר געקומען און האָט מיר געזאָגט: איך האָב קיין מנוחה ניט, אברהם׳ל, ראטעווע מיין נשמה... געה צו הירש בערן און בעט איהם, אז ער זאָל ראטעווען מיין זון פון שמד....

יאנקעל האָט א ציטער געטאָן, האָט זיך א הויב געטאָן פון זיין בייגקעל, אקוראט וויא אימעצער וואָלט איהם א שטאָך געטאָן פון אונטען; דיא אויגען האָבען זיך ביי איהם ארויסגעקייקעלט גרויסע, קיילעכדיגע, און ער האט מיט זיי גע־קוקט אויף זיין פעטער און אויף הירש בערן. א קאַלטער שווייס איז ארויס אויף זיין שטערען.

זיין שרעק האָט אינסטינקטיוו זיך איבערגעגעבען צו הירש בערן, צו חאַצען און צו זלמנען. הירש בער האט לכתחילה געוואָלט, וויא זיין שטייגער איז, מאכען א ביסעל שפּאָס:

— האָסט איהם מכבד געוועזען כאָטש? — האט געוועזט ארויסגערעדט הירש בער, אָבער ער האט עס ארויסגערעדט אונטערן נאָז, האט אָבגעהאקט אין מיטען דיא רייד און האט גענומען רייבען דעם שטערען.

דער אַלטער הירש בער האָט זיך געפיהלט אויך אונטער דעם איינדרוק פון אברהם׳לס שרעקליכען חלום.

— עט, האט אויפ׳ן סוף ארויסגערעדט הירש בער ערענסט — דאָס איז אַלץ נארעשקייטען.... גערעדט און געזאָגט און נישט מעהר.... יאנקעל איז פיעל פרי־מער איצטער, וויא א מאָל. יעדען ביי נאכט לייענט ער קריאת שמע, סיי ער איז אויפ׳ן אָזורא, סיי אין דער היים. ער איז פיעל פרימער פון מיר, וואָס איך שטעה שוין מיטביידע פיס אויף דעם עולם האמת—האט טרויעריג צוגעלויגט הירש בער.

— איך מיין עפּעס — האָט זיך אריינגעמישט חאצע. ער איז געוועזען א גבאָ־רענער אין אָרשא, נעבען מאָהילאָוו ביים דנעפּר, האט זעהר אָפט געברויכט אין

ריידען דעם זאץ „איך מיין עפּעס“, אזוי וויא דיא מעהרסטע איינוואוינער פון אָרשאַ:

— איך מיין עפּעס. אָט איז ער דאָך דאָ אַליין און מען קען איהם פרעגען.

הירש בער האט זיך א קעהר געטאן צו יאנקלען. יאנקעל איז יעצט געזעסען א בלאסער מיט אן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און האט שווער געאטהעמט.

— דוא הערסט, יאנקעל, האָט זיך געווענדעט צו איהם הירש בער — שיינע זאכען דערצעהלט מען וועגען דיר.

— איך מיין עפּעס, שיינע זאכען.... האט ארייגעוואָרפען חאצע

— אָי וועה איז מיר! וועה איז מיר, אזוי מוטשען א טויטען טאטען — האט געקרעכצעט אברהמ׳ל.

יאנקעל איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט. ער האט געציטערט מיטן גאנצען קערפּער.

— איך? האט ער אויסגעשריען — איך זיך שמדן! ? רבי הירש בער, זשאָל איך שטארבען, זשאָל מיך דיא כאָלעריע נעהמען! ער! ער!.... ער, דער סאבאקע— ער נור זשאָגט עס!.... אך, סאבאקע! האט ער געשריען, סאָפּענדיג מיטן גאנצען קערפּער און קוקענדיג מיט אויסגעקאָטשעטע, בויזע אויגען אויף זלמנען.—איך דיא קישקעס דיר ארוישלאָזשען!

ער האט א כאַפּ געטאָן דעם ביינקעל, אויף וועלכען ער איז פריהער געזעסען, האט איהם א הויב געטאָן אין דער הויך און האָט מיט איהם געוואָלט מאכען אין דער לופטען צו זלמנען צו: — סאבאקע, דיא קישקעס דיר ארוישלאָזשען!

הירש בער איז צו איהם צוגעשפּרונגען און האט אָנגעכאַפּט דעם ביינקעל.

— לאָז, יאנקעל, דעם ביינקעל. אוודאי ניט גערעכט —,האט ער זיך געווענ־דעט מיט כעס צו זלמנען — נור געבאַלבעט מיטן צונג שדים וויסען וואָס....

זלמן איז געזעסען א בלאסער און האט מיט צושראָקענע אויגען געקוקט אויף יאנקלען, וואס האט זיך געקאָכט. ער האט געוואוסט, אז יאנקעל האט פיינד צו סטראשען אויף א קאטאָוועס, אז דער ביינקעל קען איהם אויף אן אמת פליהען אין קאָפּ....

יאנקעל האט איינגעלאָזען דעם ביינקעל.

— וואש האט ער צו מיר? דער סאבאקע? האט ער געשריען, דיא קישקעס ארוישלאָזשען!....

— וואָס פיר אן עסקים אבער האסטו מיט דער שיקסע האט אברהמ׳ל גע־

נומען שרייען צו יאנקלען—וואס פיר א מחותן ביזטו מיט איהר? זיא איז א שיקסע, א גויע, און דוא א איד!....

אויף דיזע ווערטער האט יאנקעל ניט געקענט ענטפערען; קעגען דיזע פראגע האט ער זיך געפיהלט שוואך, וויא א קליין קינד.... פלוצים האט ער גענומען בליפען פארשטיקט, פארשטיקט, און איז ארויסגעלאפען פון שטוב....

ער איז געלאפען מיט'ן בארג רעכטס, רעכטס, ארום אזערא. ער איז געלאפען און האט געבליפעט; איהם איז אזוי טרויעריג געווען אויפ'ן הארצען, איהם האט זיך אזוי געוואלט וויינען פאר זיך, קיינער זאל עס ניט זעהן. פאר וואס, פאר ווען? ווען אימעצער וואלט איהם פרעגען דיא אורזאכע פון זיין וויינען, וואלט ער געוויס געזאגט, דאס ער וויינט פון כעס אויף דעם „סאבאקע,“ אויף זלמנען. אין דער אמתן אבער האט ער געוויינט אויס ליעבע, אויס משוגענע ליעבע צו נאטאשאן, וועלכע איז געווען א שיקסע, א גויע, ניט א אידיש קינד.... אויס דיא ליעבע וועלכע איז יעצט געווען צומישט מיט א דונקעל, פיינליכען געפיהל, וואס האט זיך ערוועקט אין זיין נשמה נאכדעם, ווען ער האט געהערט, וואס זיין פעטער האט דערציילט וועגען דעם בעזוך פון זיין טויטען טאטע און דעם טויטענס בקשה....

דער הימעל איז געווען שווארץ, פארכמארעט, דיא וואלקענס האבען זיך אפגעטונקט אין אזערא, וועלכע איז יעצט געווען שטיל און גלאט וויא א שפיעגעל, און וועלכע האט יעצט געבלישצעט, וויא זילבער, אונטערן שווארצען הימעל.

ארום און ארום איז געווען שטיל, שרעקליך שטיל; עס האט זיך געדאכט, דאס דיא נאטור האלט איין איהר אטהעם און הערט זיך צו צו עפעס. קיין ריהר פון א גרעזעלע, קיין ריהר פון א בלעטעלע....

נור צייטענווייז פלעגט ערטערווייז אויף דער זילבערנער גלאטקייט פון אזערא זיך דיא וואסער אנהויבען צו ריהרען און צו דרעהען זיך אין דראבנע, דראבנע כוואליעלאך; פון אויבען פלעגט זיך בעווייזען א ווייסענקע פישעלע, פלעגט א ציה טאן מיט איהר מיילכעל, פלעגט א דרעה טאן מיט איהרע רויטע פעדערען און דאן פלעגט זיא זיך מיט'ן קאפ אריינווארפען צוריק אין וואסער און פלעגט פארשווינדען. און אויף דעם ארט, וואו זיא פלעגט פארשווינדען, פלעגט דיא וואסער אנהויבען צו קאכען און וויינט, ווייט ארום פלעגען זיך דרעהען ברייטע, ברייטע פאסען, אי לאנגע, אי רונדע....

אויף יענער בארג, אויף דעם אנדער זייט אזערא, וואו עס איז געלעגען דיא דארף נאוואסעלסק, פון הינטער דעם הויכען, רויטען קלויסטער, וואס האט יעצט

אויסגעזעהן דונקעל רויט, איז ארויסגעשוואומען א שווארצער וואָלקען, וויא א גע־דיכטער רויך, גרוי ביי דיא ברעגעס. דער וואָלקען האט זיך געהויבען ארויף, ארויף אויפ׳ן הימעל און באַלד האט ער זיך באהעפט מיט א קלענערען וואָלקענד׳על, וואס איז געווען אין מיטען רויט, וויא א שטיק פייער....

אייפ׳ן גאָרטען, וואס איז געלעגען רעכטס הינטער דיא פישערס שטיבעל, איז געזעסען נאטאשא און האט געגראָבען קארטאָפּעל פאר דיא פישער.

זיא האט דערזעהן יאנקלען, וויא ער לויפט, און האט איהם גערופען: — יאנקעל, יאנקעל!....

יאנקעל האט זיך אומגעקוקט און, דערזעהענדיג נאטאשא׳ן, האט ער מיט פערצווייפלונג א מאך געטאָן מיטן האנד, און איז געלאָפען ווייטער, ווייטער....

איהם האט זיך יעצט געוואָלט זיין אליין, אליין מיט זיינע געדאנקען ער האט ניט געוואָלט קיינעם זעהן, קיינעם, אפילו זיא אויך ניט.

דיא לעצטע צייט פלעגט אויף איהם אנפאלען אפט אזא מרה שחורה. ווען דאס איז געווען ביי נאכט, פלעגט זיך איהם פאָרשטעלען זיין טויטער טאטע, דאן פלעגט ער נעהמען לייענען קריאת שמע און דער געשטאלט פון זיין פאָטער פלעגט דאן פארשווינדען. ביי טאג פלעגט זיך איהם דער טויטער טאטע זעלטען ווען פאָר־שטעלען, און, ווען דיא מרה שחורה, פלעגט איהם בעפאלען, פלעגט ער לויפען אין וואַלד, וואס איז געלעגען ניט ווייט פון דאָרף אָן א זייט.

דאָרטען, ווייט פון הירש בערן, פון זלמן, פון חאצען און זיין פעטער, זיצענדיג צווישען דיא בוימער, אויפ׳ן גראָז אליין, פלעגט ער זיך טויזענד מאָל שווערען, דאס ער וועט מעהר ניט האבען קיינע עסקים מיט נאטאשאן, וועט זיין גוט און פרום; אָבער וויא אויף צו להכעיס, פלעגט דאן נאטאשאס געשטאלט, איהר רונדער פנים, איהר דיקער קיילעכדיגער קערפער, איהרע בלויע, טיפע, בלישצענדע אויגען אָפּ־לעבען פאר איהם און ער פלעגט, דאכט זיך, פיהלען ארום זיך איהרע שטארקע ארעמס און אין זיינע אויערען פלעגען קלינגען: „יאנקעל, גאלובטשיק טיא מאָי, סאָקאָל מי מאָי, סיזאקרילוי״.... אין מוח פלעגט איהם זיך דאן צומישען, דיא בלוט פלעגט אין איהם אנהויבען צו קאָכען. ער פלעגט דאן, דאכט זיך, וועלען אנהויבען צו לייענען קריאת שמע, אבער אנשטאָדט דעם פלעגט ער אנהויבען קרעכ־צען: נאטאשא! נאטאשא!

און דאן פלעגט ער לויפען זוכען איהרע ארעמס, איהרע קושען און נאכדעם... נאכדעם פלעגט אויף איהם אָנפאלען נאך א גרעסערע מרה שחורה, פלעגט זיך נאך מעהר מוטשען, פלעגט זיך ווידער שווערען, דאס ער וועט ניט מעהר האבעי

קיינע עסקים מיט איהר און פלעגט זיך פיהלען שוואך און אונגליקליך אונטער דעם מעכטיגען דרוק פון דיא צוויי שרעקליכע קרעפטען: פון דער נאטור און פון דיא פאראורטהיילע פון דער רעליגיאָן....

איבער׳ן וואלד איז געהאנגען א געדיכטער, שווארצער וואָלקען. דיא ביימער האבען זיך געשאָקעלט מיט זייערע צווייגען, בעוואקסענע מיט גרינע בלעטער, האָבען זיך געשאָקעלט, האבען זיך געשושקעט, אקוראט וויא זיי זאָלען אָנזאָגען איינער דעם אנדערען, דאס א שטורם קומט....

דיא גרע:עלאך האבען געציטערט מיט זייערע קעפּעלאך. קיין פּיפּסען, קיין שווישטשערען, קיין לעבעדיגער קול פון א פויגעלע. שטיל, שטיל ארום.... אלעס, וואס מאכט אין אנאנדער צייט לעבעדיג דעם וואלד דורך פּיפּסען, דורך טשריקען, דירך זינגען, האט זיך יעצט פערבאהאלטען אין זייערע לעכער און אין זייערע נעסטען אויס מורא פאר דעם אנקומענדען שטורם....

אָט האט זיך בעוויזען אויף א צווייג פון א בוים א קליין גרויענקע פויגעלע מיט א געלבע העלזעלע; זיא איז געשטאַנען אזוי וויא צוטומעלט אויפ׳ן צווייג, האט גערדרעהט איהר קליין קעפּעלע און איהר העלזעלע אויף אלע זייטען, האט ארויסגעלאָזען א רחמנות׳דיגען פּיפּס, איז אריבערגעשפּרונגען אויף אן אונטערשטען צווייג, האט גענומען ציטערען מיט איהר קליין קערפּערעל, האט צושפּרייט איהרע פליעגעלאך און איז אוועקגעפלויגען ניעדריג איבער דר׳ערד....

באלד נאך איהר איז צו דער זעלבער בוים געקומען צופליהען אן אנדערע פויגעלע, אויך א גרויענקע מיט א געלבע העלזעלע, האָט זיך געשטעלט אויף דעם זעלבען צווייג, אויף וועלכען דיא ערשטע איז געשטאַנען, האט גענוּמען ארומשפּרינגען איבערן צווייג, אקוראט וויא זיא זאָל זוכען איהר נעסט, האט אויך גענומען ציטערען מיט איהר קערפּערל, האט מיט רחמנות גענומען פּיפּסען און איז אוועקגעפלויגען. הפּנים זיי האבען געפונען זייער נעסט א צושטערטען....

אונטער דעם איינפלוס פון דעם געהיימען שושקען זיך פון דיא ביימער און פון דער פינסטערער, פארכמארעטער ארומיגע נאטור, איז יאנקעלס מרה שחורה נאך שטארקער געוואָרען. ער איז געזעסען אויפ׳ן גראָז, אונטער א בוים מיט אן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, דיא הענד צושפּרייט איבער דיא קניה, און האט זיך געשראָקען.

דער שושקען זיך פון דיא בוימער האט איהם דערמאנט אָן דעם שרעקליכען חלום פון זיין פעטער....

איהם האט זיך געדאכט, דאס א געהיימער קול שעפּצעט צו איהם פון הינטען; ער האט מורא געהאט א קעהר צו טאָן דעם קאָפּ אהינטער, טאמער וועט

ער דערזעהן.... יאנקעל האט מורא געהאט צו דערמאָנען אין זיין גערעבעניש דעם נאמען פון דעם, פאר וועמען ער האט זיך געשראָקען.... ער האט מורא געהאט זיך צוריהרען פון אָרט און איז געזעסען, וויא א צוגעשמידטער.... ער האט נישט געקלעהרט; זיין גאנצער מוח, זיין גאנצע נשמה, זיין גאנצער „איך" איז יעצט גע־ווען פול מיט דעם געהיימען, שרעקליכען שושקען......

פלוצים האט יאנקעל דערהערט הינטער זיך וייכע טריט...... נעהענטער, נעהענטער, אזוי וויא אימעצער וואָלט צו איהם געלאָפען א באָרפוסער איבערן גראָז......

ער האט זיך צונויפגעקאָרטשעט פון שרעק, האט צוגעמאכט דיא אויגען און האט געמונען שעפּמישען מיט דיא ליפּען „אל מלך נאמן... שמע ישראל!..."

פלוצים האט ער דערפיהלט, וויא אימעצער האט איהם ארומגעכאפּט פון הינטען פארן האלז. ער האָט א געשריי געטאָן, וויא א משוגענער, האט זיך א ריעם געטאן פון אָרט און האט גענומען קוקען ארום זיך מיט צושראָקענע אויגען......

פאר איהם איז געשטאנען נאטאשא א באָרפוסע, אָנגעטאן, וויא ביי דער ארבייט.

זיא איז געשטאנען, האט געקוקט אויף איהם אויך צושראקען פון זיין ווילדען געשריי און פון זיין ווילדען אויסזעהן.

יא טעביע אוקאלא — האט זיא ארויסגערעדט — איך האב דיך גערופען, יאנקעל, און דוא ביזט אוועק...... וואס האסט זיך אזוי דערשראקען?

און, דערזעהענדיג נאטאשאן און הערענדיג איהר קול, איז יאנקלען באלד לייכטער געוואָרען אויפ'ן הארצען, דער געהיימער קול, וואס האט איהם פריהער אזוי געשראָקען, איז גלייך פארשוואונדען.

זיא האט זיך געזעצט נעבען איהם אויף דיא גראָז האט געקוקט איהם אין דיא אויגען.

פלוצים האט זיא געפרעגט: — יאנקעל, צו ביזטו געזונד? דוא זעהסט אוים קראנק!

יאנקעל האט נישט געענטפערט.

פלוצים האט ער זיך געוואָרפען אויפ'ן בויך, האט ארייגעגראָבען דעם פּנים אין דיא גראָז און האט גענומען ראָוען פארשטיקט......

— יאנקעל, יאנקעל—האט נאָטאשא אויסגעשריען — האט גענומען איהם טרייסלען פאר'ן פלייצע: — יאנקעל, האלוקא מאָיא ביעדנאיא, ביזטו קראנק? אדער האבען דיא פישער דיר בייז געטאָן? יאנקעל......

זיא איז צונעפאלען מיט איהר שטערען צו זיין קאפ, האט זיך געדריקט צו איהם און האט גערעדט מיט א ליידענשאפטליכע צערטליכקייט:

— וויין ניט, יאנקעל, וויין ניט, סאקאל מאי טי סיזאקרילוי!... וויין ניט... ווארום זיינען זיי בייז אויף דיר? וואס האסטו זיי געטאן!

יאנקעל איז געלעגען, האט געוויינט און האט אויפגעציטערט מיט זיינע ברייטע פלייצעס.

פלוצים האט ער זיך געזעצט, האט אנגעקוקט נאטאשאן מיט אויגען, פאר־שלייערטע פון טרעהרען, און האט ארויסגעבליפעט:

— אך, נאטאשא, איך לייד אזוי, אזוי.... ווארום ביזטו, נאטאשא, ניט קיין אידעשע?.... און ווען ער האט עס געזאגט, האבען זיך אין זיינע אויגען אפגע־שפיגעלט אין דיא זעלבע צייט פערצווייפלונג און אויך צערטליכקייט.

זיא האט צוגעדריקט איהר קאפ צו זיין ברוסט — ער האט איהר גענומען גלעטען דיא האר.

— יאנקעל, האט זיא געזאגט און, האלטענדיג דעם קאפ אויף זיין ברוסט, האט זיא איהם געקוקט פון אונטען ארויף אין דיא אויגען: — יאנקעל, איוואן דער פישער האט מיר געזאגט, דאס דוא ווילסט ווערען א קריסט. איך האב לאנד, וואס איך פארדינג.... עטליכע אקערס לאנד.... ווער א קריסט.... דיא לאנד וועלען מיר בעארבייטען.... וועסט זיין א גוטער מוזשיק....

יאנקעל איז אויפגעשפרונגען. ער איז געוועזען בלאס און האט געקוקט אויף איהר מיט בלישצענדע אויגען.

— א קריסט?.... האט ער ארויסגערעדט צווישען דיא ציין — איוואן האט עס דיר געזאגט? איוואן?

ער איז אנשוויגען געווארען אויף א ווילע און האט גענומען סאפען שוועהר מיטן גאנצען קערפער.

נאכדעם האט ער ארויסגערעדט מיט א פערשטיקטען קול: — נאטאשא, קריך צו מיר ניט, קריך ניט, זאג איך דיר, דוא ביזט א טייפעל.... אנטלויף פון מיר, ווארום איך וועל דיך טויטען.... אנטלויף, נאטאשא!....

— יאנקעל! האט נאטאשא אויסגעשריען, איז אויפגעשפרונגען פון ארט און האט זיך אנגעהאנגען אויף זיין ארעם, — יאנקעל, יעזוס איז מיט דיר! וואס רעדסטו?......

זיא האט גענומען וויינען.

ער האט זיא ארומגענומען און האט אויך גענומען בליפען.

— ווייסט, יאנקעל, דאס איך בין שוואנגער? האלוקא מאיא ביעדנאיא, וואס וועט זיין איצטער? האט זיא פלוצים געזאָגט און האט געוויינט נאך העכער.

יאנקעל איז פון איהר אָפגעשפּרונגען, אזוי וויא אימעצער וואלט איהם א שטארקען שטויס געגעבען פון זיך, האט א קרעכץ געטאָן און האט גענומען קוקען ארום זיך מיט צומישטע אויגען.

— שוואנגער?.... שוואנגער?.... דוא שוואנגער?!.... טייפעל! האט ער גענומען קרעכצען — טייפעל! טייפעל! טייפעל!....

ער איז צוגעלאָפען צו איהר און האט איהר האסטיג א שטויס געטאָן אין ברוסט. — טייפעל!....

זיא איז געפאלען אָן דרערד, האט א קרעכץ געטאָן האט ארומגעכאפּט איהרע קניה מיט ביידע הענד, האט אראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ און האט גענומע וויינען אויפ׳ן קול, טענהנדיג צו זיך אליין:

— אָי וואס וועל איך טאָן יעצט, אונגליקליכע?... וואס? וואס?.... זיא האט זיך געוואָרפען אויפ׳ן פּנים און האט זיך גענומען רייסען דיא האָאר פון קאָפּ....

יאנקעל איז געשטאנען, האט געקוקט אויף איהר און האט געציטערט מיט׳ן גאנצען קערפּער.

פלוצים האט ער זיך א וואָרף געטהון צו איהר, האט זיא גענומען קושען ווילד, ליידענשאפטליך. — נאטאשא.... אר־או!.... נאטאשא.... אר־או....

אין וואלד איז געוואָרען דערווייליע נאך פינסטערער.... פון וויטען האט זיך דערהערט א דונער און באלד נאכדעם האט דורך דער פינסטערנעס א לייכט געטאָן א בליטץ....

VI

דער געדאנק, דאס נאטאשא איז שוואנגער, האט יאנקלען געמאכט משוגע... וואס וועט איצטער זיין?

אין דאָרף ביי דיא פויערים האט אזא זאך, דאס א מיידעל זאל שוואנגערען, זיך גערעכענט פיר א גרויסע זינד, און יאנקעל האט געוואוסט, אז מיט א פּאָר יאָהר צוריק איז א דאָרפישע מיידעל שוואנגער געוואָרען פון א פויערשען בחור, האבען דאן דיא פויערים פון דאָרף און דער גלח פון נאָוואָסעלסק געצוואונגען דעם בחור מיט גוואלד חתונה האבען מיט יענער מיידעל.... וועט מען איהם אויך צווינגען?....

אין דאָרף רעדט מען שוין, אז ער וויל זיך שמדן, וואס וועט זיין, ווען אין דאָרף וועט מען נאך דערוויסען, אז נאטאשא איז שוואנגער!....

און יאנקלען האט זיך פאַרגעשטעלט, וויא דיא פויערים פון גאנץ דאָרף מיט זייערע ווייבער לויפען נאך איהם נאך מיט א בייזען געשריי: דוא האסט אונגליקליך געמאכט דיא מיידעל.... דאס איז דיין קינד, דיין קינד.... קום צום גלח, קום!...

אך, וואס זאָל ער טאָן? וואס פיר א שד האט איהם צונויפגעבראכט מיט נאטאשאַן!.... אך, טייפער, טייפעל, זיא איז א טייפעל, זיא, נאטאשא!.... וואס האט זיא געלאָזען? זיא האט דאך געדארפט וויסען.... אך, טייפעל, טייפעל!

ער וועט מעהר מיט איהר ניט האבען צו טאָן.... איצטער ניט מעהר.... זאָל ער שטארבען, זאל איהם דיא כאָלעריע צונעהמען.... ער וועט ווערען פרום, ער וועט בעטען גאָט, אז ער זאָל איהם העלפען, ער זאָל איהם ראטעווען....

און טראכטענדיג אזוי, האט איהם דיא ליידענשאפט צו נאטאשאן געמוטשעט נאך שטארקער, אזוי וויא זיא האט געוואלט פארשטיקען אין איהם אלע געדאנ־קען.... און פאר זיינע אויגען פלעגט אָפּלעבען דער וואלד, דיא ביימער, דיא גראָז.... נאטאשא.... איהרע בלישצענדע אויגען, פול מיט ליידענשאפט... איהרע ליפען, וואס ציהען זיך צו זיינע.... איהר ווייסער קערפּער.... און דאן פלעגט ער מוזען אָנשטרענגען אלע זיינע קרעפטען, אום ווידערצושטעהן דיא גוואלדיג—זודיגע כוואליעס, וואס האבען געשטורעמט אין זיין נשמה און וואס האבען איהם געשלעפּט צו נאטאשאן....

אזוי איז אוועק איין וואך נאך דער אנדערער, יאנקלען האט מען ניט געקענט דערקענען. דיא אויגען זיינען ביי איהם איינגעפאלען, דער פנים האט זיך אויסגע־צויגען. ער איז שטענדיג געווען פארטראכט, אריינגעטאָן אין זיך אליין.

נאטאשאן האט ער יעצט אויסגעמידען, פלעגט אויסמיידען איהר בליק, איהר קוק.... ווען ער פלעגט קומען פון דער ארבייט, פלעגט ער זיך איינוואשען, פלעגט אין דער שטיק זיך שטעלען דאווענען און בשעת דאווגען פלעגט ער אויף קיינעם ניט קוקען, פלעגט נור זיפצען טיעף, טיעף....

אזא פארענדערען זיך פון יאנקלען האט געוואונדערט דיא פישער און אויך ר׳ אברהם׳לען, יאנקעלס פעטער.

הירש בער פלעגט זאָגען, אז יאנקעל טהוט תשובה. און דער אלטער פלעגט נעהמען טראכטען און מוסרן זיך אליין אין הארצען, דאס איהם, הירש בערן אליין, איז שוין אויך צייט א קלעהר צו טאָן וועגען דיא זינדיגע נשמה, און ער האט אָנ־געהייבען צו דאווגען מיט מעהר הארץ און ער האט אויפגעהערט צו מאכען דעם

כוס פאר'ן דאוונען, ר' אברהם'ל פלעגט זאגען, אז דער זכות פון נחום'ן איז דאָרטען בייגעשטאנען, דאס יאנקעל זאָל ווערען פרום. און ר' אברהם'ל האט געקליבען נחת פון יאנקעלס פרומקייט.

דאס אלעס האט אויך געווירקט אויף זלמנען, וועלכער האט זיך אויפגעהערט צו קריעגען מיט יאנקלען. ער האט א פּאָר מאָל געפּרובירט אונטער דער צייט צו פארטשעפּען „בוילען", יאנקעל האט איהם אבער נישט געענטפערט, דאן האט איהם זלמן געלאָזען צורוה. פארשטעהט זיך, דאס אויף דעם האט אויך געווירקט דער אומשטאנד, וואס יאנקעל האט גענומען ארויסווייזען א גלייכגילטיגקייט צו נאטאשאן....

נאטאשא איז אויך ארומגעגאנגען אין שטוב, וויא איין איינגעגראָבענע, און אין דער שטיל אין א ווינקעלע אויפ'ן הויף אדער אין גאָרטען פלעגט זיא אָפט וויינען, וויינען....

יאנקעל פלעגט יעצט שלאָפען אונרוהיג. ער פלעגט קרעכצען, שרייען ראָוועס פון שלאָף. אפטמאל פלעגט ער שרייען אויף פּויערשען לשון:

טייפעל, אוועק, אוועק! איך וועל דיך טויטען!....

איינמאל, א ביי טאָג, זיינען דיא פישער געזעסען ארום טיש און האבען גע־ווארט ביז וואנען דער סאמאוואר וועט אויפקאָכען. זיי זיינען נור וואס אויפגע־שטאנען פון שלאָף.

נאטאשא איז געזעסען צונויפגעקאָרטשעט לעבען סאמאָוואר מיטן רוקען צו דיא פישער און האט פערטראכט געקוקט אויפ'ן סאמאוואר. הירש בער איז געזע־סען אויף זיין אָרט, האט געגלעט זיין לאנגע ווייסע באָרד האט געשמעקט טאבאק און האט געשמאק געגענעצט. זלמן האט געדרייט א פּאפּיראָס און האט פאר־טראכט ארויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער אויפ'ן הויף. חאצע האט געלאטעט זיינעם א קאפּטאן. איוואן איז ארומגעגאנגען א באָרפוסער איבערן שטוב, האט געקראצט דעם קאָפּ, דעם רוקען און האט הויך אויפ'ן קול געגענעצט.

יאנקעל איז געלעגען אויף דיא אונטערשטע פּאליאטעס מיט צוואָרפענע הענד און פיס און האט געשלאָפען....

פּלוצים האט יאנקעל גענומען ראָוועס פון שלאָף און שרייען: — טשעפּע ניט, טשעפּע ניט.... זשיין א איד!.. או־או־או!....

אלע האבען זיך א וואָרף געטאָן צו איהם. נאטאשא איז אויך צוגעשפּרונגען א בלאסע, א צושראָקענע צו דיא פּאליאטעס, וואו יאנקעל איז געלעגען, האט גע־קוקט אויף איהם און האט זיך געטרייסעלט.

יאנקעל האט געראָוועט.

הירש בער האט איהם א טרייסעל געטאָן פאר'ן פלייצע. — יאנקעל ! און הירש בערס קול האט געקלונגען אויפגערעגט און האט געציטערט.

יאנקעל האט אויפגעעפענט זיינע צושראָקענע אויגען, האט גענומען קוקען ארום זיך ווי א צומישטער, אזוי וויא ער זאל זוכען עפעס ארום זיך עטוואס שרעק־ליכעס, האט זיך געזעצט, האט גענומען ווישען דעם שטערן, וואס איז אין גאנצען געווען באגאסען מיט שוויים, און האט א טיעפען זיפץ געטאן.

ער האט א קוק געטאָן אויף דער צושראָקענער נאטאשאן, וואס איז געשטאנען נעגען איהם און האט געביסען די ליפען, און ער האט אָפגעקעהרט דעם קאָפּ. דאן האט ער גענומען קוקען מיט טעמפע גלעזערנע אויגען אויף הירש בערן און האט געשוויגען.

— וואס חלומט זיך דיר שטענדיג ? האט דער אלטער הירש בער זיך גע־ווענדעט צו יאנקלען, קוקענדיג אויף איהם מיט רחמנות'דיגע אויגען.

— רבי הירש בער, האט יאנקעל געזאָגט פארשטיקט—וואש טהוט מען?..

ער האט ווידער א קוק געטאָן אויף נאטאשאן און האט אראָפּגעלאָזען באלד די אויגען.

— וואס ווילסטו טאָן, יאנקעל ? האט געפרעגט הירש בער מיט א ווייכען טאָן פון א פאטער, וואס רעדט צו זיינעם א קראנקען קינד.

יאנקעל האט געשוויגען און האט געהאלטען דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזען.

— דוא ווילסט עפעס טאָן יאנקעל ? האט ווידער געפרעגט הירש בער.

יאנקעל האט גישט געענטפערט, ער האט נור א זיפץ געטהון, איז שווייגענ־דיג אראָפּגעקראָכען פון די פאליאטעס און האט שווייגענדיג גענומען אָנטאָן זיינע פישערשע שטיועל....

די פישער האבען שוין אויסגעלייגט דעם געוואַד אויף די שיפען. די צוויי שיפען זיינען געשטאנען ביים ברעג, צוגעבונדען איינע צו דער אנדערע. יאנקעל מיט הירש בערן און האצע האבען זיך געזעצט אין איין שיף: יאנקעל ביי די וויאָסלעס, הירש בער ביים רול און האצע אין מיטען ; אויף דער אנדער שיף איז געזעסען זכמן ביים רול און איוואן ביי די וויאָסלעס.

די זון האט זיך שוין פערקייקעלט הינטער דער דאָרף נאוואסעלסק. עס האט אנגעהויבען צו ווערען פינסטערליך ; שווארצע שאָטענס האבען זיך געלויגט איבער דער בלישצענדער אָזערא.

א קאלטער ווינטעל האט געבלאָזען ; די נעבכט האבען שוין אָנגעהויבען צו ווערען קעלטער און האבען דערמאָנט, דאס דער הערבסט קומט באלד אָן.

דיא פישער זיינען געוועז אנגעטאָן אין ווארעמע קליידער מיט רימענע פאר־טוכער פון פאָרענט מיט גרויסע רימענע האנדשוה און אין ברייטע לאנגע פישערשע שטיוועל.

דיא שיפען האבען זיך שוין גענומען ריהרען, פלוצים האט זיך הירש בער גע־כאפט, אז ער האט פארגעסען זיין טאבאק פושקע אין שטוב. ער האט געהייסען אפשטעלען דיא שיפען און האט געשיקט יאנקלען נאך דער פושקע.

אין שטוב לעבען פענסטער איז געזעסען נאטאשא און האט ארויסגעקוקט צום אָזערא, װארטענדיג, וויא איהר שטייגער איז געוועזען אלע מאָל, ביז וואנען דיא שיפען וועלען אָפּפאָהרען פון ברעג, וועלען ארויספאָהרען אין מיטען אזערא, וואס מען האָט געקענט זעהן דורכ'ן פענסטער, דאן וועט זיא זעהן יאנקלען.

פלוצים האט זיא דערזעהן יאנקלען, גייענדיג אליין צום הויז....

אליין!.... זיא איז שוין א פאָר וואכען ניט געוועזען מיט איהם אויג אויף אויג.... זיא האט שווער געליטען, זיא האט זיך פארשאָלטען דיא יאָהרען.... זיא האט געזוכט זיין בליק, זיין קוק, זיין וואָרט; איהר קערפּער האט זיך געריסען צו ייִנעם. אבער ער האט זיא אויסגעמידען....

דיא לעצטע צוויי פרייטאגס ביי נאכט פלעגט זיא לויפען אין וואלד. מיט דער האָפפענונג, דאס יאנקעל ערווארטעט זיא, וויא געוויינליך. און אין דיא שטיל־קייט פון דער נאכט פלעגט זיך הערען איהר קול, וואס פלעגט קלינגען ליידענ־שאפטליך און צערטליך, וואס פלעגט, דאכט זיך, רופען מיט רחמים: „יאנקעל! יאנקעל!"....

און אויף איהר געשריי פלעגען איהר ענטפערען דער וואלד מיט זיין זושזשען, דיא פויגעלאך מיט זייערע פּיפּסען, דיא נאכטיגאל מיט איהרע טרעהללען און דיא פראָשען מיט זייער קוואקען, נור, אך, ער אליין יאנקעל, פלעגט איהר ניט ענטפערען....

„יאנקעל! יאנקעל!" קיין ענטפער....

דאן פלעגט זיא זיך ווארפען אויפ'ן גראָז, און צו דיא טויזענדער קולות, וואס האבען זיך געטראָגען אין וואלד, פלעגט צושטיין נאך א קול, א ליידענשאפטליכער, א פערשטיקטער, א שטילער, וויא א קרעכץ....

איצטער קומט ער אליין.... זיא וועט איהם זעהן אליין.... נאך וואס געהט ער?.... און איהר הארץ אין ברוסט האט גענומען קלאפּען שטארקער.... אפשר וויל ער מיט איהר אויך בלייבען אליין....

זיא איז אויפגעשפרונגען, האט זיך א ווארף געטאָן צום טהיר און מיט בלי־שצענדע אויגען האט זיא גענומען ווארטען, דאס דיא טהיר זאל זיך עפענען.

ווען יאנקעל האט געעפענט דיא טהיר, האט זיך נאטאשא א ווארף געטאָן צו איהם אויפ'ן האלז, איז געבליבען הייגנען אויף איהם, וויא א פערגליווערטע, שטום פרעסענדיג איהר הייסען שטערען צו זיינעם און קוקענדיג מיט בלישצענדע, ברענענדיגע אויגען אין זיינע....

און פיהלענדיג ארום זיך איהר וויכען, ווארעמען קערפער, איהר זודיגען אט־העם, וואס האט אנגענעהם געקיצעלט זיין פנים, איהרע בלישצענדע אויגען, וואס האבען שטום געקוקט אויף איהם מיט אזא געבעט, — איז ער צומישט געוואָרען. ער האט געוואלט אנהויבען צו שרייען: „טייפעל, אוועק!“.... און ער האט זיא געוואלט אפשטויסען פון זיך אבער אנשטאט דעם האט ער זיא געדריקט צו זיך, וויא א משוגענער, האט געשעפצעט: „נאטאשא! נאטאשא!“.... און האט זיא געטראָגען צו דיא פאָליאטעס....

דיא גאנצע ליידענשאפט, נענען וועלכע ער האט אזוי געקעמפפט דיא לעצטע צייט, האט זיך פלוצים אויפגעהויבען אין זיין נשמה, וויא א מעכטיגע כוואליע, האט פארשיכורט זיין מוח.......................................

....

אין א קורצער צייט ארום, ווען ער איז ארויס פון שטוב מיט הירש בערס טאבאק פושקע, האט ער זיך געפיהלט נאך מעהר אונגליקליך, וויא דיא גאנצע צייט... אזוי פיעל תשובה געטאָן, אזוי פיעל זיך געבעטען ביי גאט, און פלוצים... אך, טייפעל, זיא איז זיין טייפעל, וויא ווערט מען פטור פון איהר!?.... ער האט געפיהלט, אז אין מוח ברענט איהם....

דיזע נאכט איז געווען א שווארצע, א פינסטערע.... שווארץ, שווארץ ארום. דיא בערג, דער וואלד, דיא דאָרף און דער הימעל האבען זיך צונויפגעגאָסען אין איינעם און מען האט ניט געקענט אפשיידען איינס פון דיא אנדערעס.

ארום און ארום איז געווען שטיל. עס האט זיך געהערט א וויטער וואָיען פון א וואָלף, וואס האט געהילכט אין וואלד.

א קאלטער ווינד האט געבלאָזען איבער'ן אָזערא.... דיא פישער האבען גע־נומען פארווארפען דעם נעוואָד. דיא שיפען זיינען אָפגעפאָהרען איינע פון דער אנדערער—איינע אין איין זייט דיא צווייטע אין דער אנדער זייט, און, פאָהרענדיג, האבען זיי געוואָרפען דעם נעוואד אין דער אזערא, וואס האט יעצט אויסגעזעהן בכאָס פון דיא ארומיגע געדיכטע פינסטערנעס. באלד האבען דיא שיפען זיך גע־

נומען נעהענטער צוזאמענפאָהרען, דיא פּישער האבען גענומען ציהען דיא שטריק פון נעוואד אויף א „קאלווארא̆ד,‟ וואס איז געווען צוגעמאכט צום שיף, און וועל-כען זיי האבען גענומען דרעהען.

ווען עס האט זיך בעוויזען דער נעוואד, זיינען דיא פּישער צוגעפאהרען איינע צו דיא אנדערע נאהענט, האבען אנגעבונדען דיא שיפען איינע צו דיא אנדערע, האבען אראפּגעלאזען א גרויסען אייזערנעם יאקאר אין אזערא אויף א שטריק, וואס זאָל איינהאלטען דיא שיפען אויף איין אָרט, און דאן האבען זיי שטייענדיגער-הייד גענומען שלעפּען פון אזערא דעם נעוואד מיט דיא הענד.

דיא שיפען וויגען זיך אויפ'ן וואסער.... דער נעוואד ווערט ביסלעכווייז גע-שלעפּט און געלייגט אין דיא שיפען.... אָט האט אויף א פליגעל פון נעוואד זיך בעוויזען א ווייסע פישעל און דורך דער פינסטערנעס בלישצעט זיא, וויא זילבער. זיא ווארפט זיך, זיא זוכט צו אנטלויפען....

„פלאטקעס!‟ זאגט אימיצער פ'ן דיא פּישער. מען הויבט אָן צו קלאפּען אין וואסער מיט א וויאָסלע, אום צו טומלען דיא פיש, זיי זאָלען זיך ניט ארויסרייסען פון נעוואד....

באלד איז דער נעוואד ארויסגעשלעפּט געוואָרען.... אין דעם זאק, וואָס ציהט זיך א הינטער נאך'ן נעוואד, ווארפען זיך ארום פיש. דיא פּישער שלעפּען ארויף דעם זאק אין שיף און קעהרען איהם אום מיטן דעק ארויף.... באלד הערט זיך א צאפּלען זיך פון פיש אויפ'ן דעק פון שיף.... פינסטער, פינסטער ארום.... דיא פּישער פאהרען ווייטער.

יאנקעל רודערט איין שיף מיט דיא וויאָסלעס, איוואן דיא אנדערע. הירש בער און זלמן קירווענען מיט'ן רול. חאצע זיצט אין מיטען צווישען הירש בערן און יאנקלען און גיעסט מיט א שאפעל דיא וואסער פון שיף.

דיא שיפען זיינען צוגעבונדען איינע צו דיא אנדערע און באוועגען זיך אין דיא פינסטערנעס. עס הערט זיך דער קלאפּען פון דיא וויאָסלעס איבער'ן וואסער. דיא פּישער זעהן אוים איינער דעם אנדערן, וויא דונקעלע שאָטענס, וואָס באוועגען זיך אהין און צוריק.

פלוצים האט זיך אויפגעהויבען א שטארקער ווינד, דיא שיפען האבען זיך גענומען וויגען און ווארפען אויףביידע זייטען; דיא וועלען האבען גענומען רוישען; פון וואלד האָט זיך גענומען הערען א ווילדער הודיען, אזוי וויא טויזענדער בוימער וואָלטען אָנגעהויבען צו זשושען מיט איין מאָל.... עס האָט גענומען פייפען פון אלע זייטען....

— נו, א נאכט — הערט זיך פלוצים הירש בערס קול דורך דער געדיכטער פינסטערניס און דורך דעם געפילדער פון דער נאטור :

— עס וועט זיין א שטורם, יאנקעל, פאָהר נעהענטער מיט'ן ברעג.

הירש בער איז אויף א ווײלע אנשווייגען געוואָרען, דאן האט ער ווייטער גערעדט :

— שוין לאנג ניט געהאט אזא נאכט.... א יאָהר צוואנציג אוודאי.... מיר זיינען געפאָהרען אמאָל אין אזא פינסטערע נאכט. נחום, א ליכטיגען גן עדן, איז יעמאָלט מיט אונז אויך געפאָהרען. עס האָט געפעהלט ביי אונז א פישער, האבען מיר איהם איינגעבעטען אויף א נאכט.... הקיצור, ער איז געזעסען אָט אזוי וויא איצטער יאנקעל.... פלוצים האט זיך דיר אויפגעהויבען א בוריע.... דיא שיפען האבען זיך גענומען קעהרען.... נחום, אונז צו לאנגע יאָהר, האט זיך דערשראָקען, האָט גענומען וויינען.... אָט וויא איצטער הער איך, וויא ער וויינט און זאָגט ווידוי....

— רבי הירש בער! רבי הירש בער! האט זיך פלוצים דערהערט אפערצווייפעלטער געשרוי פון יאנקלען.

— וואָס ?

— דוא האסט עפּעס געזאָגט, יאנקעל ? האט ווידער געפרעגט הירש בער און האט אָנגעשטריינגט זיין אויער, ערוואַרטענדיג יאנקעלס ענטפער.

ער האט דערהערט א שטיקען בורטשען, וויא א געמורמעל פון א קויפענדיג וואסער'ל...

— דוא לייענסט קריאת שמע, יאנקעל ?....

יאנקעל האט ניט געענטפערט. דער בורטשען האָט זיך געהערט ווייטער...

הירש בער האט מעהר נישט געפרעגט און האט א זיפץ געטאָן. דעם אלטען הירש בער'ן איז פלוצים געוואָרען מולקע אויפ'ן הארצען. דער יאָמערען פון ווינד דער הודיען פון וואלד, וואס האט געהילכט מיט טויזענדער קרעכצען, וויא פון מענשען, דיא דיקע פינסטערניס, וואָס האָט ארומגעוויקעלט, דאכט זיך, דיא גאנצע וועלט, און דאָ נאהענט לעבען איהם דער שטילער געמורמעל פון יאנקלען, וואס האָט געלייענט קריאת שמע,—דאס אלעס האט ארויסגערופען וויא א מורא אין זיין נשמה און ניט ווילענדיג איז אין זיין געדעכעניש ארויסגעטראָטען דיא טרויעריגסטע בילדער פון זיין לעבען....

עס האט זיך אויך געהערט, וויא איוואן שעפּצעט : „באָזשע, פאמילוי !" דער „אי וועה, טאטעלע" פון חאצען און דער זיפצען פון זכמן.

און דער ווינד יאָמערט, דיא שיפען וויגען זיך און קעהרען זיך אויף אלע זייטען.... דיא כוואַליעס רוישען און דער וואַלד הודיעט....

פלוצים האט יאַנקעל ארויסגעלאָזען א פערצווייפעלטען געשריי: רבי הירש בער!

דער געשריי האט זיך פאַנאַנדערגעטראָגען ווייט, ווייט און האָט, דאכט זיך, וויא אָפגעקלונגען אין אלע זייטען־

הירש בער האט זיך א טרייסעל געטאָן.

— וואָס איז דיר יאַנקעל? האט ער געפרעגט מיט א צושראָקענעם קול.

דיא גאַנצע צייט האט איהם געשראָקען דיא שרעקליכע פינסטערנעס פון דער נאכט, און ער האט געגלויבט, דאס דיא נאכט איז דארום אזוי שווארץ און מורא׳דיג, ווייל ער, יאַנקעל, האט דיזען פארנאכט געזינדיגט מיט נאטאשאַן נאָך אזא לאַנגע צייט פון תשובה טאָן.... און ווען דער שטורם האָט גענומען בושעווען, האָט זיך יאַנקלען גערדאכט, דאס דיזע פינסטערנעס איז א לעבעדיגע באַשעפעניש, וואָס שרייט, וואָס יאָמערט, וואָס בייזערט זיך, וואָס קרעכצעט און וואָס וויל דערשטיקען איהם, איהם, יאַנקלען.

אין דעם יאָמער פון ווינד, אין דעם קרעכצען פון וואַלד און אין דעם רוישען פון דיא כוואַליעס האט ער געהערט בייזע, רוגזה׳דיגע קולות, וואָס האבען איהם געסטראשעט....

און ווען הירש בער האָט דערציילט זיין מעשה, וויא אזוי נחום איז געזעסען און האָט געזאָגט ווידוי, האט יאַנקעל גענומען ציטערען.... איהם האָט זיך אויסגעגעבען, אז ער באוועגט זיך אין א טיעפען, טיעפען, שווארצען אָפּגרונד און ניט ווייט פון זיך זעהט ער דעם שרעקליכען געשטאַלט פון זיין טאטען, וואס קוקט אויף איהם מיט מורא׳דיגע אויגען.

דאָן האט ער א געשריי געטהון: „רבי הירש בער!" און האט גענומען לייענען קריאת שמע.....

פלוצים האט יאַנקלען זיך גענומען דאכטען, אז דיא געשטאַלט הויבט זיך אויף איבער דעם שווארצען אָבגרונד, וואקסט העכער, העכער און רוקט זיך, רוקט זיך נעהענטער, צו איהם, צו יאַנקלען. „זיי א איד, יאַנקעל, זיי א איד"....

אי וועט מען שטראָפען—הערט ער, דאכט זיך, זיין פאָטערס קול, וואָס קלינגט אזוי שוואך, אזוי פארשטיקט, וויא דער קול פון זיין פאָטער אין יענער נאכט, אוידער ער איז געשטאָרבען....

— אי! אי! האט יאנקעל גענומען שרייען ניט מיט זיין קול. און באלד נאכדעם האט זיך דערהערט א פאל פון וויאָסלעס אין וואסער.

— וואס האסטו געטאן, יאנקעל!? האט א געשריי געטאָן הירש בער — אי, ער איז משוגע, ער האט אריינגעוואָרפען דיא וויאָסלעס, ער וויל אונז דערטרינקען. איוואן, רודער אויף גיך צום ברעג!....

— אי, אי, ראטעוועט! ראטעוועט! האט געשריען יאנקעל מיט אומה'דיגע קולות און האט גענומען פויזען אין שיף, אקוראט, וויא ער זאָל זיך פון אימעצען בעהאלטען: ראטעוועט!....

— פאהר, איוואן שנעלער! האט זיך דערהערט האצעס צושראָקענער קול. הירש בער האט זיך אָנגעשפארט מיטן עלענבויגען אָן רוי און האט גענומען קירוועגען מיט אלע הרעפטען דיא שיפען צום ברעג.

— ראטעוועט! ראטעוועט!.... האט זיך געהערט יאנקעלס קול.

— זשעהט! זשעהט!.... אָט איזש ער!.... ער וויל מיך ווערגען!.... טאטעלע, זשיין א איד, זשיין א איד.... טשעפע ניט...... טשעפע ניט...... אי ראטע־ע־עוועט!......

דיא שיף האט זיך א שטארקען קעהר געטאן; עס האט זיך דערהערט א פאל פון א שווערען קערפער אין וואסער און באלד נאכדעם א האלב פערשטיקטער קול, וועלכען דער ווינד האט אונטערגעכאפט און צוריסען......

— יאנקעל האט זיך אריינגעוואָרפען אין אזערא! האָט מיט א יאָמער אויסגעשריען הירש בער. — נאך קוליעס שטרוי, אויף גיך צום ברעג, וועה איז מיר! וועה איז מיר!......

און דער ווינד יאָמערט, דיא כוואליעס רוישען, דער וואלד הודיעט.... דיא שיפען אהן יאנקלען באוועגען זיך אין דער געדיכטער פינסטערניס צום ברעג צו און דורך דיזער פינסטערניס צוטראָגט דער ווינד דעם זיפצען פון דיא פישער און דעם פערשטיקטען יאָמער פון הירש בערן......

4 June — 98 —

New York.

מאטקע פייפעל.

אויב איהר זייט געוועז אין טוגעיאדאָווקע, אָדער אין זלידניוועקע, אָדער אין דריפּישאָק, שניפּישאָק — מיט איין וואָרט, אין דיא אַלע מקומות פון רוסלאַנד, וואו דעם אידען איז „ערלויבט" צו וואוינען — האָט איהר געוויס געהערט וועגען מאַטקע פייפעל, וועגען זיינע „זכרונות" „ומפני חטאינו'ס", „יעלה'ס" און וועגען דיא אַלע טרויעריגע, זיס־ריהרענדע „שטיקלעך" פון מאַטקע פייפעל.

און אפשר האָט איהר אַליין געהאַט דאָס גליק איהם צו הערען, און ווען איהר זייט אַ מענש מיט האַרץ, האָט איהר ניט איין מרער פערגאָסען, איהם הערענדיג; און ווען איהר זייט אַ מבין אויף ניגנה, האָט זיך בּיי אייך ניט ווילענדיג ארויסגעריסען אַן אַך פון ענטציקונג, הערענדיג מאַטקע פייפעל'ס „גוסט".

איך האָב איהם געקענט פּערזענליך. ער האָט געוואוינט אין טוגעיאדאָווקע אין זיין אייגענע הייזקע.

דאָס איז געוועזען אַ קליין־שוואַך־דאַר־מענשעלע פון אַ יאָהר 35, מיט אַ קרענקליכען בּלאַסען פּנים, מיט אַ קליין־רונדען געלען בּערדעל, מיט אַ הויכען ווייסען שטערן און מיט אַ פּאָאַר גרויסע, גרויע, גוטע און דענקענדע אויגען. ער איז געוועזען אַ שטילער, רוהיגער מענש, האָט זיך פיינר געהאַט צו מישען אין קהל'שע אינטערעסען און איז אימער געוועזען פאַר־זיך. „פייפעל" האָט מען איהם גערופען פאַר זיין זיסען בּיי־קול'כעל, מיט וועלכען ער פלעגט וואונדערבּאַר זינגען.

זיין ווייב חיה איז געווען, פערקעהרט, וויא מען זאָגט, אַ אידענע „אַ סאָל־דאַט", זיא האָט געהאַט אַ קרעמעל נעבּען שטוב און פלעגט שטענדיג האַלטען אין איין ארומרייסען זיך מיט דיא אנדערע קרעמערקעס פאַר אַ קונה. איהר מאַן האָט זיא ליעב געהאַט, האָט שטאַלצירט מיט איהם און האָט זאָגאַר געדענקט אַלע זיינע „שטיקלעך", דאָך צייטענווייז, אַזאַ כּאַראַקטער האָט זיא שוין געהאַט, פלעגט זיא עפּענען אויף איהם איהר מענה לשון — וואָרום איז ער אַזאַ שלים מ.ל, ער קען אפילו ניט אַ קאַטץ דעם עק פערבּינדען און א. וו.

און אין דער אמת'ן איז מאַטקע פייפעל געוועזען אַ שטיקעל שלים־מזל: מעהר וויא צו דיא חזנות האָט ער ניט געטויגט. פיר ימים נוראים פלעגט ער קריגען 200 רובּעל און דאַן פלעגט ער ארומגעהן לעדיג אַ גאַנצען יאָהר. דאַוונען אַ שבּת פיר דריי — פינף רובּעל האָט ער ניעמאַלס געוואָלט. (אַזאַ שגעון האָט ער שוין געהאַט).

ער האט אפילו פּרובירט צו ווערן א מלמד, אָבער ער האָט ניט געקענט קנעלען, ד. ה., שלאָגען און שמייסען זיינע חדר־אינגלעך; און דער רעזולטאט איז געווען, אז ווען חדר אינגלעך, וועלכע זיינען געוואוינט געווען צו דעם רבינ'ס ריט־טער, האָבען דערזעהן, וואס פאר א לעמעלע זייער רבי איז, האָבען זיי מיט איהם גענומען „שטיפען", ד. ה., פערגנב'עטערהייט א קנייפּ טאן איהם פון הינטען, א צופּ טאָן און זיי האָבען מיט איהם אזוי לאנג „געשטיפט" ביז זיי האבען איהם פערשמאַילעט זיין בערדעל, און דאן איז מאַטקע געוואָרען אויס־מלמד.

ער האָט אויך פּרובירט ווערען א שדכן, ליידער האט ער ניט געקענט צוליי־גען עפּעס צום נדן פון דיא כלות און אויך ניט מקצר זיין זייערע יאָהרען און ער איז אויך געווארען אויס שדכן. דערפאר אבער האָט ער זיך געפּיהלט אויף זיין פּלאַטץ ביי חזנות, ביים „גוסט", ביים „סקאָרבאָווע", דאָ איז קיין גלייכען צו איהם ניט געווען. מאַטקע איז ניט געווען קיין אויסגעבילדעטער קינסטלער, קיין קאָנסער־וואטאָריאום האָט ער ניט בעזוכט, דיא אַלטע און דיא נייעסטע שולען פון מוזיק זיינען געווען פאר איהם פרעמד, ער האט זאגאר קיין נאָטען פערשטאנען. ער איז געווען א געבאָרענער טאלענט. אויפגעצויגען ביי זיין טאטען — א מלמד און א שחרית בעל תפילה, וועלכער האט געוואוינט אויפ'ן עק שטאדט. ביי זיין טאטען אין הויז האט זיך מאטקע אנגעהערט געגוג נגונים, אי דיא וואס דער טאטע פלעגט זינגען צו א ימים נוראים'דיגען שחרית, אי דיא, וואָס דער ביטערער דלות האט געזונגען אין זיין טאטענס הויז....

אָ', דיא נגונים, דיא נגונים פון דעם ביטערן דלות, וויפיעל טאלענטע זיינען אויסגעגאנגען פון דיא קלאגעדיגע נגונים!....

איידער דער דלות פאנגט אן מיט אייך צו זינגען, גיט ער אייך, וויא אן אמת'ער קינסטלער, דעם ריכטיגען טאָן. ער נעהמט אייך אן פאר דיא קישקעס — זיין קאמערטאָן — און טהוט א ציה, פריהער שטיל, אזוי וויא ער וואָלט וועלען זאָגען: א—אָ—א!.... איהר, ניט ווילענדיג זאגט איהם נאך: אָ—אָ—אָ! נאכהער טהוט ער א צופּ זיין קאמערטאָן—אייערע קישקעס — שטארקער און מיט א העכערען טאן מאכט ער: אָ—א—א! איהר נעהמט דעם זעלבען טאן: א—א—א! ביז וואנען דער דלות פאנגט אן צו זינגען אויף דער העכסטער אקטאווע און מיט ווערטער: עסען—אָ.... ברויט.... הו.... דאס הארץ חלש'ט.... דילא—אידא—דאם.... און איהר זאגט איהם נאך װאָרט ביי װאָרט און מיט טרערען אין דיא אויגען....

דיא קלאגעדיגע נגונים האט זיך מאטקע אנגעהערט געגוג, פון קינדוויז אן. און ווער ווייס, פיעלייכט איז דער זיס־ריהרענדער „גוסט" פון דעם שפּעטערדיגען

מאטקע פייפעל״ אלס חזן, געווען א פאלגע פון דיא טרויעריגע נגונים, וואס דער דלות האט געזונגען דעם קינד מאטקען....

ביז 15 יאהר האט מאטקע געלערנט ביי זיין פאטער גמרא און האט איהם „אונטערגעהאלטען״ ימים נוראים; 15 יאהר אלט האט דער טאטע האט איהם אוועקגעגעבען צום בעריהמטען בעל תפילה ניסן צו זינגען. מאטקע האט אבגעזונגען ביי ניסן׳ען ביז ער איז אלט געווארען 20 יאהר, דאס הייסט ביז דער חתונה. ווען ער האט חתונה געהאט, האט ער גענומען דאווענען פאר זיך און איז באלד בעריהמט געווארען אין דער אידישער וועלטעל און האט געקראגען דיא צונעמענים — פייפעל.

ער האט זעלטען געדאווענט ימים נוראים אין זיין אייגענער שטעדטעל, מייסטענטהיילס פלעגט ער דאווענען אין קיעוו אדער אין אדעסא ביי דיא רייכע קהילות....

ער האט געהאט א 14 יאהריגען בן יחיד׳ל, בערעלע איז געווען זיין נאמען. דער בערעלע האט געהאט א געוואלדיגען אלטא און האט ארויסגעוויזען אונגעוועהנליכע פעהיגקייטען צו נגינה.

מאטקע האט איהם זעהר געליעבט, שטאלצירט מיט איהם און פלעגט איהם מיט זיך נעהמען, וואוהין ער פלעגט פאהרען. „אהן איהם — פלעגט מאטקע זאגען — בין איך וויא אהן א האנד.... א קאנארייטשיקעל איז דאס ביי מיר, פאר טויזענדער קען איך ניט קריעגען אזא כלי....״

א גאנצען יאהר פלעגט מאטקע לעבען אזוי.... עט, וויא עס איז — ברויט מיט קרופניק און פטור! פאר א פערקיהלונג פלעגט ער זיך אויך ניט היטען; אבער זעקס וואכען פאר ימים נוראים פלעגט אין זיין לעבען פארקומען א געוויסע ענדערונג: ער און זיין בן יחיד׳ל פלעגען אנהויבען צו טרינקען זיסע טהע, שמאטקע אייער און אז. וו.

אפילו חיה פלעגט זיך אויך אין דער צייט אומענדערען. זיא פלעגט פלוצים ווערען גוט צו איהר מאן און זוהן, פלעגט צוווארפען מעהר צוקער אין זייערע גלעזער, מעהר אייער אויפקאכען און אום צו פערהיטען דעם מאן און זוהן פון א פערקיהלונג, דיא בייזע שעה זאל ניט זיין, פלעגט זיא זיי ניט לאזען ארויסגעהן אין דרויסען, איידער זיא פלעגט ניט ארומדרעהען זיי דעם מויל און דעם האלז מיט דיקע, לאנגע האלז־טיכער.

אין דער צייט פלעגט מאטקע אנהויבען צו „סטראיען״ און צו שייערען זיין כלי......

דעם יאהר איז מאטקע פייבעל געוועזן איינגעלאדען פון צוויי קהילות אויף ימים נוראים — פון אן אדעסער קהילה און פון א קהילה פון זיין אייגענער שטעד־טעל טונעיאדאווקע — פון דער מילכיקער שוהל.

דיא אדעסער קהילה האבען איהם געבאטען 225 רובעל, פארטיגע רייזע קאסטען און א חברה משוררים אויף זייער איינענעם קאסט; דיא מילכיגע שוהל האבען איהם געבאטען נור 200 רובעל מיט זיין אייגענער חברה.

מאטקע האט מעהר חשק געהאט צו פאהרען אין אדעסא, אבער ער האט זיך געפיהלט קראנק אויפ'ן ברוסט; דעריבער האט ער זיך גענומען מישב זיין מיט זיין פרוי, וועלבע שטעלע ער זאל אננעהמען.

— ווייסטו וואס, חיה — מאכט ער צו איהר איין שעהנעם אבענד, 7 וואכען פאר ימים־נוראים — איך וואלט בעסער וועלען פאהרען אין אדעססא; 25 רובעל איז געלד און דיא בעלי בתים זיינען דארטען אויך אנדערע, אבער איך האב מורא.... דאס הארץ טהוט מיר אזוי וועה, אזוי וועה... אט דא, דא (ער האט געוויעזען מיט'ן האנד אויפ'ן הארצען), עפעס זיא גאיעט, חלשט, חלשט, אזוי וויא אימעצער רייסט איהר דארטען, וואס זאגסטו, חייה?

— זיי דוא ניט קיין נארעלע, מאטקע, מאכט חיה צו איהם, דאס איז, ברוך השם, ביי דיר ניט קיין נאווינע; דאס הארץ איז ביי דיר אלע מאל א שוואכע. נאט וועט געבען עס וועט איבערגעהן. האסט ניט וואס צו שרעקען זיך, דארפסט זיך מעהר צוזעהען, טרינקען מעהר זיסע טהע, אייער...... אויב דוא וויכסט וועל איך דיר געבען א ביסעל מאלינעס סאק. 25 רובעל איז א גרויליכע עבירה. פאר דיא 25 רובעל וועלען מיר האבען א פאאר הימלען צוקער אין קראם מעהר און פאר בערעלען נעביכקע — א הוילער, א נאקעטער, עס געהט צו ווינטער (זיא האט גע־רעדט אין האלבע ווערטער און אין איין אטהעם) א פוטערעל...... וואס רעד איך „25 רובעל?" — האט זיך פלוצים חייה א כאפ געטאן, — און דיא „העלפער" וועלען דיך גאר ניט קאסטע, א? — א באס, א טרינאר, אן אלט...... אן אלט איז אפילו ביי אונזער בערעלען ניט צו פערזינדיגען. דארפסט אבער האבען א סאפראן. נו, יעצט רעכען אוים. — חייה האט גענומען ציילען אויף דיא פינגער. א באס. — חייה האט פערבויגען דעם גראבען פינגער. — ווענמען ווענסטו נעהמען? מיכל חייה־ברייגע ציפע'עס? ער וועט וועלען 5 רובעל. א טייערע מציאה...... אויך מיר א באס.... הו, הו, הו, — בורטשעט וויא א בורציילע (חייה האט גאנץ ערנסט נאכ־געמאכט, וויא ער בורצעט.) אט האסטו 5 רובעל. איצטער א טרענאר. א טרע־נאר דארף מען א לייטישען, רעכען ברוך'קען, אויך 8 רובעל. האסט שוין 13. וואו

איז איצטער א סאפראן? ווען מען זאָל נעהמען מירקעס איינגעלע — א טייערע כּלי, קלינגט וויא א גלעקעלע, וועט מירקע איהם לאזען צו דיר אומזיסט, ווייל ביי איהר וועט זיין א גאנצער כבוד, ווען איהר איינגעל וועט זינגען ביי דיר. — בלייבט 13. 13 און 25 איז.... איז 38. 38 רובעל האט חיה אויסגעשריען. — דאס איז א ישלל געלד, אָט איז דיר א ריכטיגער חשבון!

מאָטקע איז געשטאנען נעבען טיש און האט זיא אויסגעהערט. זיינע גרויסע דענקענדע אויגען האבען זיך נאָך מעהר פערטראכט און צונויפגעזשמורעט, זיין הויבער, ווייסער שטערן האט זיך צוקנויטשט; ער האט נערוועז גענומען טשיפּלען מיט'ן האנד דיא בּערדעל און האט אנגעהויבען ארומצוגעהן איבערן צימער.

38 רובעל, א ריס אין הארצען ..... עס געהט צו ווינטער..... בערעלען א פוטערל. אין קראָם מעהר סחורה. 38 רובעל. א ריכטיגער רעכנונג.... אבער דאס הארץ, דאס הארץ.... אזוי וועה, אזוי וועה.... וויא זיא וויל זיך צורייסען. און טאָמער....״ ער האט מורא צו קלעהרען ווייטער. ער שטעלט זיך אָפּ און הויבט אָן צו קוקען אויפ'ן ברענענדען לאָמפּ, וועלכער שטעהט אויפ'ן טיש.

דער לאָמפּ ברענט דונקעל און רויבערט; מאטקע געהט צו און מאכט קלע־נער דעם פייער און קוקט ווייטער אויף דעם זעלבען פּונקט פון דעם רויכע־נדען לאמפּ. „38 רובעל — קלערט ער ווייטער, — א סך.... א שלל.... 38.... אבער, אבער...מאטקע ווערט פּלוצים מורא'דיג, מורא'דיג. ער דערמאנט זיך אן דעם, וואס איהם ערוואַרטעט דיא 2 טעג ראש השנה, יום כפור, כל נדרי, נעילה און עס שוועבּערט איהם: „ביי אזא קראנקען געזונד און דאוונען״.

פּלוצים טהוט ער זיך א חאפּ. וואס איז דאס מיט איהם? אלע יאָהר פלעגט ער מיט אזא שמחה, מיט אזא בעגייסטערונג געהן דאוונען און פּלוצים, נא דיר! אפילו דאס הארץ.... נו, איז וואס? וועט עס אריבערגעהן. א נאווינע איהם קראנק צו זיין, עט! ער וויל שוין זאגען זיין פרוי, אז ער וועט פאהרען אין אדעססא, אבער דא טוט איהם א נעהם דאס הארץ און אנשטאדט צו זאגען, אז ער פאהרט, רייסט ביי איהם זיך ארויס דער ענטפער: — „נייןן, חיה״ איך קען ניט, דיא הארץ, דיא הארץ וויא מיט צוואנגען אט דא.... גאטט וועט אונז שוין ממלא זיין פיר דיא 38 רובעל״.

קענגען זיינע לעצטע ווערטער האט זיא גאר נישט וואס אנצואווענדען, און זיא זאגט: „כ'ווי, לאז זיין אזוי, מסתמא וועט ער אונז אוועקגעבען״.

אין דעם זעלבען אבענד האט מאָטקע געגעבען וויסען דער מילביקער שוהל, אז ער פערבלייבט ביי זיי אויף ימים נוראים.

מאטקע האט זיך אנגעהויבען „צוסטראיען“ מיט זיין חברה.

זיין חברה איז בעשטאנען פון א באס מיכל חייה־ברײנע ציפּעלעס, א דיקען קיילעכדיגען יונגען מאַנטשיק, א ראבען מיט קרומע אויגען — א פלאַטניק פון פּראָפעסיאָן; פון א טענאָר ברוך׳קען — א הויכען דארען יונגען מאן פון א יאָהר 32, א פּאפּיראָסניק; פון זיין בערעלען — א שוואכען בלייכען אינגעל מיט געלע האָאר אויף׳ן קאָפּ און מיט גרויסע דענקענדע אויגען, וויא ביי זיין פאטער, און פון א סאיפּראנא יאַנקעלע, א שעהנינקען אינגעלע פון א יאהר 15, אליין מאטקע האט געזונגען אין זיין באַיי. ווען מאטקע פלעגט א קלאפּ טאָן מיט זיין חברה א „זכרנו־לע“ אדער א „וכל מאמינים׳על“ פלעגען זיך צוזאמענקלייבען ארום זיין הויז פון דער גאנצער גאס אידען, קריסטען, ווייבער, קינדער און פלעגען אבשטעהן שטונדען לאנג מיט אפענע מיילער און גרויסע אויגען, צוהערענדיג זיך צו מאטקע׳ס נגינה.

דער הימעל אין דרויסען איז געווען בלוי און אויסגעשאטען מיט פונקעלענדע און בלימצענדע שטערענדלאך. א קיהלער ווינטעלע האט געבלאזען; פון דיא הייזער און פון דיא קראמען האבען ארויסגעקוקט ווינקענדע פייערלאך. ארום מאטקע׳ס הויז זיינען געשטאנען מענשען — אלטע אידען, יונגע גויעס, בחורים, מיידלאך און אז. וו.

מאטקע מיט דער חברה האבען נור וואס „איינגעסטראָיעט“ אן „היום הרת עולם׳ל“ און זיינען פון איהם געווען ׳שטארק צופריעדען. מיכל איז געזעסען אויף׳ן קאנאפּע אין איין ווינקעל מיט א פעררײסענעם קאפּ צום באַלקען און מיט א צו־פריעדענעם שמייכעל אויף דיא ליפּען און, קוקענדיג מיט זיינע קרומע אויגען ערגעץ אין דער לופטען, האט ער נאך געחזרט מיט זיין באס דיא לעצטע ווערטער פון דעם „היום הרת עולם“. אָיום—אָ—אָ—קדוש—דאלאאידאם—הו—או—או....

ברוך׳קע מיט בערעלען און יאנקעלע זיינען געזעסען אויף שטולען אין דעם צווייטען ווינקעל און האבען אין דער שטיל געחזרט דעם מיטען פון דעם „היום הרת עולם“. „אם כבנים — מאַכט ברוך׳קע גיעה דוא, בערעלע, פּרימע; אָ—א א! „אם כבנים“. און דו, יענקעלע, גיעה דישקאן (דיסקאנט) ע—ע—ע! „אם כבנים....“ און בערעלע גיעהט פּרימע, יאנקעלע דיסקאנט און ברוך׳קע „בעקלוידעט“ מיט זיין טענאר און עס קלינגט׳......

אלליין מאָטעל גיעהט ארום איבערן צימער פערלייגט דיא הענד אהינטער, זינגט אונטערן נאָז און טראכט. דאָס הארץ, דאכט זיך, טהוט איהם וועה, אבער עס איז קיין צייט צו טראכטען פון דעם, מ׳ דארף זיך נאך איינסטראָיען. חייה איז אויך צופריעדען. זיא זיצט אין קראם, נעבען אן אָפענער טיהר פון הויז, הערט

זיך צו צו דעם געזאַנג און העלפט אונטער שטילל, אונטערן נאָז זינגען, און אין דער זעלבער צייט קוקט זיא אין דרויסען, וואו אזוי פיעל מענשען האבען זיך פערקליבען ארום איהר הויז הערען איהר מאַטקען, און איהר טהוט הנאה, הנאה....

— קינדער, — האַט זיך פּלוצים געווענדעט מאַטקע צו זיין חברה, — וואָס פיר אַן „ומפּני חטאינו" זאָלען מיר זינגען?

— ראָזאָווסקעס, — האט נעענטפערט מיכל און גלייך נאכדעם האט ער גענומען ברומען ראָזאָווסקעס „ומפּני חטאינו".

— ער טויג ניט פיר דער מילבינגער שוהל, — האט איהם מאַטקע גלייך אונטערבראָכען, מיכל איז אנשווייגען געווארען.

— פּיטצעס, — האט געזאגט ברוך'קע, — ער איז זעהר גוט, ער האָט אין זיך א פיינע בעקלוידונג. הערט אדרבּה:

„ומפּני חטאינו—נו—נו— נו.... בערעלע, זאָג: ני—ני, ני.... יאנקעלע, נע, נע, נע.... מיכל, הום, בום, בום.... און איהר ר' מאטעל, דיא בעקליידונג: האי—לא—אידאָם—די....

— עס טויג ניט. — האט מאַטקע געזאגט.

— טאטע, — מאכט בערעלע מיט זיין הילבענדיגער שטיממע, — זינג דיין ומפּני חטאינו פון פאר אַ יאָהרען.

— דאָ טויג ער ניט, זונעלע, — האָט נעענטפערט מאַטקע.

אין דער צייט איז אריינגעקומען חייה. זיא האָט זיך אויפמערקזאם צוגע־הערט, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען איהר מאַטקען און זיין חברה, און ווען זיא האָט דערזעהן, אז זיי קענען זיך ניט צופּאסען קיין „ומפּני חטאינו", האָט זיא בעשלאָסען זיי צו קומען צו הילפע.

— מאָטע, — האט זיא געזאגט, צומאכענדיג דיא טיהר, אז א פרעמדער זאל זיא ניט הערען — מאָטע, זינג דיין פאר פינף־יאהריגען „ומפּני חטא־נו". געדענקסט איהם? — און זיא האָט אָנגעפאנגען מיט א גאנץ אנגענעהמע שטימע צו זינגען: „ומפּני חטאינו, חטאינו.... טאם, טאם, טאם.... גלינו, גלינו.... טאם, טאם, טאם.... מארצנו, מארצנו, מארצנו.... אָי, אָי, אָי...." זיא האט האָט ניט געענדיגט, ווייל אין דער צייט איז אין קראָם אריין א קונד און זיא איז ארויסגעלאָפען אין קראָם, שרייענדיג אויפ'ן וועג: אָט דאָס זינגט, א גוטע זאך!

מאָטעל האט א שמייכעל געטאָן. פרעגט זיא בחרם, זיא ווייס, א אידענע! אָט וואָס, קינדער, איך האב א נייעם ומפּני חטאינו, נעכטען איז ער מיר אריינגע־פאלען אין קאָפּ און, דאכט זיך, אז ער איז גוט. הערט, קינדער... דיא אויגען האבען

זיך ביי איהם פאנאנדערגעברענט, א רויטער פארב האט זיך צוגאסען איבער זיין בלאסען פנים און ארויפלייענדיג דיא הענד אויפ'ן ברוסט. האט ער געעפענט זיינע ליפפען.

און טענער ריהרענדע, ציטערענדע און בעטענדיגע האבען זיך גענומען גיסען פריהער שטילל, נאכהער העכער, ביז זיי האבען זיך ארויסגעריסען אין קלאָגע דיגע יאָמערדיגע און הערצרייסענדע, טענער....

ווען ער האָט געענדיגט, איז ער געווען אין גאנצען בעגייסטערט, דער פנים האָט געברענט פלאם-פייער, דיא אויגען האבען נערוועז געבליסצעט. ער האט זיך געווענדעט צו זיין חברה מיט איין אויפגערעגטער שטיממע:

— נו, קינדערלאך, אללע אין איינעם.... אבער איינגעהאלטען.... ניט גע־ריסען, קינדערלאך.... בערעלע, זונעלע, פיאנא, פיאנא, שטילל, שטילל; הערשעלע גער „דישקאן" איינגעהאלטען, געדענק־זשע, איינגעהאלטען.... מיכל, דוא גיה דיא בעקליידונג, ניט געריסען, מיכל.... און דוא ברוך'קע מיט מיר פרימע.

— נו, קינדערלאך, געדענקט־זשע. — אָ — אָ! — דאָס איז דער טאָן — האָט מאָטקע ארויסגעזאָגט זיינע לעצטע ווערטער און דעם זעלבען טאָן, אין וועל־כען זיי האבען געזאלט אנפאנגען צו זינגען.

— נו, קינדערלאך, איינס—צוויי—דריי!

ער האָט א מאך געטאָן מיט'ן האנד און האט אָנגעפאנגען — „ומפני חטאינו".

דיא חברה האט אונטערגעכאפט און באלד האט עס גענומען קלינגען פון זייערע פינף פערשיעדענע שטיממען.

פלוצים האָט מאָטקע מיט ביידע הענד פערשטאָפּט דיא אויערן, פערשטער־מעט מיט דיא ציין, פערקרימט דעם פנים, אזוי וויא פון א פלעצליכען אונגעוועהנ־ליכען וועהטאָג, און האט גענומען שרייען: פאלש, פאלש, פאלש, מיכל, פאלש, געוואלד, מיכל!.... אלע זיינען אנשווייגען געווארען.

— וואס פאר א טאָן האסטו גענומען מיכל? אָ—אָ—אָ! אָט איז דיין טאָן, מיכל. נו, נאָך אמאָל: ומפני חטאינו, חטאינו, גלינו, מארצנו, — האט מאָטקע'ס שטיממע געקלאגט.

מארצנו, האט מיכל'ס באם געגוואלדעוועט.

מארצנו, האט געוויינט בערעלע'ס שטיממע.

מארצנו, האט געקלונגען יאנקעלע.

מארצנו, האט געדונערט ברוך'קע.

מארצנו, האט אונטערגעהאלפען חייה אונטערן נאז, זיצענדיג אין קראָם.

און דיא אלע טענער האבען זיך געצויגען און געפלאכטען אין הארמאָנישע אקקאָרדען, רייסענדיג זיך אין דרויסען און בעצויבערענדיג דיא אלע מענשען, וועלכע זיינען געשטאנען ארום מאָטקעס הויז....

מאָטעל מיט זיין חברה האבען זיך שוין איינגעסטראָיעט.

עס איז געקומען ראש השנה. מאָטעל האט געדאווענט אזוי קונציג און אזוי הארציג, אז דיא בעלי־בתים פון'ם מיליכינער שוהל האבען זיך געגאָסען וויא ביבערס. זיין דאווגען האט צוגעצויגען דיא אויפמערקזאמקייט פון דיא אָפיציערען, פון וועלכע פיעלע זיינען געקומען אין דיא מיליכיגע שוהל און האבען זיך געוואונדערט אויף דעם דארען אונגעוועהנליכען אידיישען קינסטלער.

מאָטעל אבער האט זיך געפיהלט נאכ'ן דאווגען זעהר שוואך און קוםענדיג אהיים, האט ער זיך אוועקגעלעגט און איז אָפּגעלעגען דעם גאנצען טאג. פון דעסט־וועגען האט ער דעם אנדערן טאג ראש השנה געדאווענט נאך מיט מעהר קונסט, מיט מע־ר הארץ, וויא דעם ערסטען.

ערב יום כפור האט מאטקע געפיהלט זיך בעזאָנדערס שוואך. דעם גאנצען טאג האט איהם מיט א בעזאָנדערע קראפט געצויגען, געחלשט, געגאָיעט דאָס הארץ און אין קאפ האט געשווינדעלט.

מאָטעל איז דעם גאנצען טאג געווען אונמוטהיג און האט ניט געגעסען.

פאר'ן פערפאסטען האט חייה איהם איינגעבעטען ער זאל נעהמען א שטיקעל הוהן. ער האט פראָבירט, אבער ער האט ניט געקענט, ער האט זיך געפיהלט זעהר שוואך.

עס איז געקומען דיא צייט ווען מען האט שוין געזאָלט געהן אין שוהל. מאָטקע האט נאכ'ן אלטען מנהג פון זיין פאטער געבענשט זיין בערעלען, נאכהער האט ער געווינשט זיין פרוי א גוטען יאהר. חייה האט זיך פאנאנדערגעוויינט מאָטקע האט אויך ארויסגעלאָזען א פּאָאר טרערען און זיי זיינען באלד אוועק אין שוהל.

אין שוהל איז געווען היים און שטיקענד. הונדערטע וועקסענע ליכט האבען געברענט אויף דיא טישען אין ליימענע טעפלאך און פון זיי האבען זיך געצויגען אין אלע זייטען, לאנגע, שמאָלע, ציטערענדע, ברענענדע צינגלעך, וועלכע האבען אָנ־עפיהלט דיא שוהל מיט אן אונאנגענעהמער, געפרעסטער לופט.

צעהנדליגע ברענענדע הענגלייכטער און לאָמפּען האבען העלל בעלויכטען די פּיעלע טרויעריגע מענשען אין ווייסע קיטלען, וועלכע וואָלטען געמאכט אויף א פרעמדען מענשען, וועלכער איז אונבעקאנט מיט די אידישע מנהגים, דעם שרעקליכען איינדרוק פון איין אסיפה פון טויטע מענשען אין א יענעם-וועלטיגען גיהנם.

צייטענווייז פלעגט זיך הערען ערגעץ פון א ווינקעל א הערצרייסענדער קרעכץ און איהם פלעגט גלייך ענטפערן א געוויין פון א צווייטען ווינקעל.

אָט זיצט אָנגעשפּארט מיט ביידע הענד אָן א סטענדער, א גרויער אלטער מאן מיט א לאנגע ברייטע ווייסע באָרד, די אויגען זיינען ביי איהם פערמאכט און, שאָקלענדיג מיט זיין אלטען קאָפּ, זאגט ער מיט אן אונמוטהיגען ניגון אויפ'ן קול תהלים; דאָרטען, ביים וואנד, שאָקעלט זיך א לאנגע פיגור הין און צוריק, רעכטס און לינקס און זינגט עפּעס אויפ'ן קול, און קרעכצעט.

אין צווייטען ווינקעל, ביים וואנד, שטעהט א ברייטע פיגור אין א קיטעל, שלאָגט מיט ביידע הענד און קאָפּ די וואנד און יאמערט. פון דער ווייבערשער שוהל הערט זיך שרעקליכע אונגעוועהנליכע יללות.

נעבען מיר שטעהען פיעלע אפיציערען, אייניגע מיט א לייכטען שמייכעל אויף די ליפען, אנדערע מיט אן ערנסטען פנים.

אליין מאטעל שטעהט אין א ווינקעל, אויבען אָן, צוגעשפּארט זיך צום וואנד און זאגט די תפלה זכה. אבער ער זאגט די תפלה אהן כונה.

די תפילה ווערט געמישט פון אנאנדער תפילה, וועלכע געהט ביי איהם ארויס פון טיעפען הארצען. „והנה ידענו כי אנחנו מחויבים להתענות על פי תקוני התשובה" — שעפּצען זיינע ליפען. און אין דער זעלבער צייט בעט זיך זיין הארץ: „רבונו של עולם, טאטעניו־פאטערעל, גיב מיר כח, איך פיהל זיך אזוי שוואך!" און ער בעט זיך, און ער וויינט.... נור דאס הארץ נאָיעט אלץ מעהרער און מעהרער, דער קאָפּ שווינדעלט שטאַרקער; די געפּרעסטע לופט שטיקט איהם און ווערגט, און ער שטעהט אלץ אויף דעם זעלבען ארט און שעפּצעט שוין יעצט מיט די ליפּען; גיב מיר כח, גאטוניו, פאטערל".

פּלוצים האט דער שמש אנגעקלאפּט. דער עולם איז מיט אמאל שטיל געוואָרען „פּתיחת הארון!" — האט דער שמש א געשריי געטאן. מען האט געעפענט דעם ארון קודש, מען האט ארויסגענומען עטליכע „ריינינגקייטען".

מאטקע איז, שאָקלענדיג זיך, צוגעגאנגען צום עמוד. דער עולם האט זיך א רוק געטאן נעהנטער צום מזרח, עס איז געוואָרען נאָך שטיקענדער און מאטקען

האט פערהאפט אזש דער אָטהעם. דער שמש האט ווייטער א קלאפּ געטאָן.— מאָטקעס חברה האָט זיך ארומגעשטעלט ארום עמוד.

וויא שוואך מאָטקע איז געווען, דאך, שטעלענדיג זיך נעבען עמוד און פיה־לענדיג ארום זיך אזוי פיעל מענשען, וועלכע האבען מיט אונגעדולד ערווארטעט זיין, מאָטקעס, „כל נדרי", האט ער זיך אזוי וויא פערגעסען אָן זיין שוואכקייט און מיט זיין זיסער שטיממע האט ער גענומען זאָגען דיא בעוואוסטע אָריענטאלע, ריהרענדע סקארבאָווע פון „כל נדרי". וואס ווייטער ער האט געזאָגט, דעסטאָ ריהרענדער און וויבער האט זיך געגאָסען זיין שטיממע, דעסטאָ מעהר האט ער זיך בעגייסטערט, דעסטאָ שטארקער האט ער ענטציקט און בעצויבערט דעם עולם.

פלוצים האט זיך זיין שטיממע א ריס געטאָן אָן א זייט און האט ארויסגע־לאָזען עפּעס א פערשטיקטען, הייזעריגען קרעכץ.

ער האט מיט צושראָקענע אויגען גענומען קוקען אויף זיין חברה, אזוי וויא ער וואָלט זוכען ביי זיי שטיצע, נור דיא חברה האט געשוויגען. ער האט זיך אָנגע־טאָן א כוח און האט אנגעהויבען צו זאָגען ווייטער, אבער דער קול זיינער און דיא טענער זיינען עפּעס געווען פרעמדע, פאלשע, גאָר ניט זיינע. ער האט זיך אויפגע־רעגט און האט פארסטשעמעט דיא ציין. ער איז אויף א רגע שטיל געבליבען, זו־כענדיג דעם ריכטיגען טאָן און זיין ריכטיגע שטיממע. אויף איין מאָמענט האט ער געכאפּט דעם ריכטיגען טאָן און מיט זיין געוועהנליך זיסע שטיממע האט ער שוין אָנגעהויבען צו זאָגען: „דאדרנא", פלוצים האט ער ווייטער פערלאָרען דעם טאָן, דיא שטיממע האט א קווימש געטאָן.

ער האט זיך ווייטער אָבגעשטעלט, האט א קוק געטאָן אויף זיין חברה מיט אזעלכע רחמנות'דיגע אויגען, וועלכע האבען אזוי וויא געזאָגט: „קינדערלאך, מיין ליעדעל איז שוין צו ענדע!" צוויי טרערען האבען זיך ארויסגעקייקעלט פון זיינע אויגען. „הום!" — האט ער א מאך געטאָן צו זיין חברה, צולייגענדיג דעם פינגער צום מויל. פלוצים האט ער זיך אָנגעכאפּט מיטביידע הענד פארן הארצען, האט זיך א טרייסעל געטאָן און איז געפאלען אויפ'ן רוקען.

עס איז געוואָרען א סומאטאָכע, מען האט איהם גענומען מינטערען, רייבען דאס הארץ, קוועטשען דעם נאָז, אבער מאָטקע פייפעל איז געלעגען אונבעוועגליך. איינער פון דיא אָפיציערען, וועלכער איז געווען פאָלקאָוואָי דאָקטאָר, איז צוגעגאַנ־גען צו מאָטקען, האט איהם בעטראכט און האט ארויסגעזאָגט דיא שרעקליכע ווערטער: „געשטאָרבען פון א הארץ־שלאָג".

July —95 Hoboken, N. J.

דיא פיעדעל.

ער שטעהט אין ווינקעל מיט'ן פיעדעל און שפיעלט.

דער פנים בלאס, דיא אויגען פערזשמורעט, דיא שווארצע האָאר אויפ'ן שטערן נאס מיט א גלאַנץ, דאס שווארצינקע קליינינשקע בערדעל צופלאָנטערט.

ער שפיעלט אן אונמוטהיגעס, א מרה שחורה'דיגעס.... דיא רעכטע האנד מיט'ן סמיק לופט איבער דיא סטרונעס שנעל און קאנוואולסיוו ארויף און אראב; דיא פינגער פון דער לינקער האנד קריעכען און ציטערן איבער דיא סטרונעס אָט אויף דער באסאָוועד, אט אויף דער פרימע און אט אויף דער דינסטער.... ער קלאפט צו מיט'ן רעכטען פוס צום טאקט און הערט זיך צו מיט אלע אברים צו דיא טענער.... און דיא פיעדעל קרעכצעט, און דיא פיעדעל קלאגט אויף איהר שטייגער, אויף איהר לשון: טיאָך — טיאָך — טיאָך — אזוי זיס און ריהרענד, אזוי געשמאק און האַרציג, וויא זיא וואָלט דערצעהלען א לאנגע טרויעריגע געשיכטע פון שרעקליכע צרות, פון בעגראָבענע גליקען, פון געשטאָרבענע האָפנונגען.

אין צימער איז האלב דונקעל. א קליינעס, פעררויכערטעס לעמפעל שטעהט אויף א הינקעדיגען טישעל און בעלייכטעט א פּאָאר שלאָפעדיגע קינדערשע, פער־ברוה'דיגטע פנים'לאך אויף א'ן אלטען, א מאָל וויכען דיוואן, פון אונטער א שוואר־צען מיט ארויסגעריסענער וואטע פאלטאָ; א וויגעלע מיט א שלאָפעדיגעס האלב־יעהריגעס קינד, און א פרוי מיט א קרענקליכען, שווינדזיכטיגען פנים, פון אונבע־שטימטען עלטער, נעבען א קליין אויוועלע, וואס שייערט א טעפעל.

אליין ער שטעהט אין שאָטען ביי דער זייט פון דעם ברענענדען לאָמפּ, אין ווינקעל, ארייגגעטאן אין גאנצען אין דער פיעדעל, שפיעלט און הערט זיך צו צו איהרע זיסע טענער און אויף זיין בלאסען פנים צוגיעסט זיך טראָפען־וויז א רויט־ליכע פארב.

פלוצים האט זיך דאס קינד אין וויעגעלע אויפגעכאפט מיט א געשריי.

דיא פרוי האט א קעהר געטאן דעם פנים צום קינד, האט בייז א קוק גע־טאן אויפ'ן מאן, האט עפעס א מורמעל געטאָן אונטער'ן נאָז און האט ווייטער געשייערט דאס טעפעל.

דאס קינד האט העכער גענומען שרייען.

דיא פרוי האט ווידער א קעהר געטאן דעם קאָפ צום קינד, צום מאן און האט מיט הארץ געזאָגט:

„זעה, זעה, דאס קינד צורייסט זיך שרייענדיג, און ער כאַטש וואַלט זיך ריה־רען פון אָרט. דאָדזשע, דאָדזשע, געה צום קינד, הער אויף צו טאַראַייקען מיט דיין פיעדעל, אז טויב זאָלסטו שוין ווערען, גוטער גאָט!“

דאָדזשע האט זיך ניט גערירהרט פון אָרט: ער האט נאָר וואס אָנגעהויבען צו שפּיעלען א נייעס „שטיקעל“ אונכּוטהיגעס; דאס שטיקעל האט איהם אזוי הינגעריסען, אז ער האט ניט געהערט ניט דאס געוויין פון קינד און ניט דיא רייד פון זיין פרוי.

דיא פרוי האט זיך מעהר איפגערעגט.—געוואַלד,—האט זיא זיך צושריען,— וויא ווערט מען פּטור פון דער פיעדעל; אונגליקליך מאכט ער מיך.... דאָדזשע, ועסטו אויפהערען? דאָדזשע, דאָדזשע, אז צו־קלייעט זאָל ער ווערען, וויא ער צו־פוילט מיר מיין הארץ. דאָדזשע, אָ—זיא איז צוגעלאָפען צו איהם פון הינטען מיט בעם און א שלעפּ געטאן פּאַר׳ן פּלייצע, דיא פיערעל האט א קוויטש געטאן, וויא פון עפּעס א פּלעצליכען וועהטאָג, און איז ענטשוויעגען געוואָרען. דאָדזשע האט מיט צושראָקענע און בליסטשצענדע אויגען גענומען קוקען אויף זיין פרוי, ניט פערשטעהענדיג פון אָנפאנג, וואס זיא וויל פון איהם.

— איך ווער צוריסען שרייענדיג — האט זיא געשריען, רייסענדיג ביי איהם דיא פיעדעל—און ער טהוט זיך זיינס. ניין, איך מוז פּטור ווערען פון דער פיעדעל; איך מוז מאכען א סוף. איך ועל זיא צוברעכען.... גענוג, גענוג, גענוג, איך קען דאס שוין ניט טראָגען!

— חיה,—האט ער זיך געבעטען ביי איהר מיט א ווייכען, כמעט קינדערשען קול, קוקענדיג אויף איהר אלץ צושראָקען.—גאָט איז מיט דיר, וואס ווילסטו? זאָג, צו וואס דארפסטו זיך נאָך אויסעסען דיא הארץ.

— דיא הארץ אויסעסען! — האט זיא געזאָגט מיט א בייסענדער מיענע— וויא גוט דוא ביסט צו מיר! אָי, וויא דוא זשאלעוועסט עס מיך. גליקליך ווילסטו מיך מאַכען, א יאָ? (זיא האט ארויסגעלאָזען דיא פיעדעל פון איהרע הענד, ארויס־גענומען דאס וויינענדיגע קינד צו זיך אויפ׳ן שוים, האט זיך געזעצט אויף א שטול נעבען אויוון און האט מיט בעם אריינגעשפּארט דיא ברוסט דעם קינד אין מויל. דאס קינד איז ענטשוויעגען געוואָרען. דאָדזשע איז געשטאַנען אויפ׳ן זעלבען פּלאַץ מיט דער פיעדעל אין דיא הענד און מיט אן אראָבגעלאזענעם קאָפּ).

— אין אמעריקא — האט חיה ווייטער געזאָגט מיט דעם זעלבען בייסענדען טאָן — וועט מען איהם אבגילטען. א קאַטאָוועס, מען וועט איהם לויפען ענטגעגען. א שפּאַס דאָדזשע דער קלעזמער! וואו קען מען נאָך זעהן אזא פערד, אזא בהמה,

וויא דאָרזשע דער קלעזמער! דאָ איז דאָך שוין גאר ניטא קיין קלעזמער, אויסגע־שטאָרבען.... אלע.... א מגפה האט זיי אלעמען צוגענומען, נאָר דאָרזשע דער פערד איז געבליעבען איין קלעזמער אויף א גאנץ אמעריקא. נו פערקויפט מען אין דער היים דיא שטיבעל מיט האַק און פּאַק או: מען פאָהרט גיכער — גיכער אין אמעריקא, דיא מציאה ניט אנצוזאווערען. איצטער האט ער אויסגעפיהרט, פיין, זעהר פיין, אזא לעבען אויף דיר, רבונו של עולם, חוץ מיר און מיינע קינדער. זיא האט אנגעהויבען צו כליפּען.

ער האט אויף איהר א קוק געטאן און אין זיינע אויגען האבען זיך אבגע־שפּיגעלט אזוי פיעל רחמנות צו איהר, אזוי פיעל גוטסקייט און צערטליכקייט.

— היה — האָט ער געזאָגט שטיל מיט זיין ווייכען, קינדערשען קול — בע־רוהיג זיך נאָר. עס מאכען דאָך מענשען דאָ א לעבען, איך וועל מיט גאָט'ס הילף אויך מאכען. איך וועל דיך מסתמא ניט לאזען הונגערן.

— מאך — האָט זיא געזאָגט, ווישענדיג מיט'ן אַרבעל דיא טרערען פון דיא אויגען — ווארום מאכסטו ניט? האסטו שוין עפּעס פיעל פערדיענט צייט דו ביזט אין אמעריקא? שוין א יאָהר צייט, אז מיר זיינען דאָ, האָסטו געפּרופט פערדינען א סענט, א? נאָר, באכד איז א סוף פון אונזערע עטליכע גראָשען פון דער היים — נאָך א וואָך, נאָך א וואָך, און וואָס וועסט, יעמאלט טאָן!? אָי אז אך און וועה איז צו אזא לעבען! זיא האט זיך וויטער פערנאנדערגעוויינט.

— מען האט מיר געזאגט אין טהעאטער, אז איך זאָל מאָרגען קומען, אפשר וועט מען מיר געבען א פּלאַץ אין קאמפּאניע, האט ער ארויסגערעדט האלב שטיל און וויא מיט מורא קוקענדיג אויף זיין פרוי.

— וויטער אין טהעאטער — האט זיא אויסגעשריען, אנכאפּענדיג זיך פאר'ן קאָפּ — אָי וועה, וויא ווערט מען פּטור, וויא ווערט מען פּטור פון אזא פערד! שלים־מזל, דוא זאלסט עס ארויסשלאָגען פון קאָפּ! גענוג האָט מען דיך געפיהרט פאר'ן נאז א גאנץ יאהר. מען דארף דיך דאָרטען ניט. דוא ביזט א קאליעקע, א שטיק גאָר־נישט, א שלים־מזל! זיי דארפען דיך דאָרטען ניט, הערסט? דוא זאלסט עס ארויסשלאָגען פון קאָפּ. געה ארבייטען, געה לערן זיך סיגארען, קכמן הירש וויל דיך לערנען סיגארען, טא געה! דיר האט זיך געוואלט זיין אין אמעריקא א קלעז־מער, אין דער היים האט דיר ניט געפּאסט. טא לעג אן מיט'ן מוח! געה ארבייטען סיגארען. לייט מאכען ביי דעם אויף א לעבען.

ער האט ביטער א שמייכעל געטאן.

— יע. ווען איך בין א קאליעקע א קלעזמער, מוז איך שוין געהן ארבייטען

סיגארען; אבער איך האב זיי אויך געהערט און איך זאג דיר, חיה, אז זיי זייגען קאליעקעס און ניט אי ך.... לאזען זיי נאר מיך לאזען, הערסט, חיה? לאזען זיי נאר מיך לאזען, וואלט איך זיי געוויעזען, וואס הייסט שפיעלען.... צ־צ־צ, שוין גאר א קאליעקע — האט ער גערעדט מיט א פערשטיקטען ביטערן געפיהל — שוין גאר אויס קלעזמער.... איך קען שוין גאר קיין פיעדעל ניט האלטען.... אויס, אויס, געשטארבען דיא פיעדעל, געשטארבען דאדושע דער קלעזמער.... זיי זיינען קלעז־מער, דאדושע איז שוין א קאליעקע, דאדושע האט שוין אבגעשפיעלט זיינס. דוא, דאדושע, לעג זיך שלאפען....אויב אזוי, חיה, אויב אזוי.... מארגען וועל איך דאס וויסען, אויב איך קריעג מארגען ניט קיין פלאץ, איז קאפ אן דער וואנד, אויס דאדושע, אויס קלעזמער, אויס פיעדעל, קאפ אן דער וואנד, מסתמא אזוי בעשערט, א מעשה מיט אן עק!

אין א וואך ארום איז דאדושע געזעסען אין א קליין סיגאר סטארקע, אין העסטער סטריט, ביי זיין לאנדסמאן קלמן הירש און אבגיעסענדיג זיך מיט שוויס, האט ער געוויקעלט דעם טאבאק אין גריינגע באנדער. דיא ארבייט איז ביי איהם ניט געגאנגען פון ארט; יעדער באנטש, וואס פלעגט ארויסקומען פון זיינע הענד, איז געוועזען וויא א הארטער פלעקעל.

זיין לאנדסמאן קלמן הירש האט זיך געגעבען דיא גרעסטע מיה איהם אויסצו־לערנען דיא ארבייט, נאר גער לעהרן א פערדולטען מיט ליימענע פינגער! מערק־ווירדיג איז דאס, אז דיא זעלבע פינגער, וועלכע האבען זיך געקענט בייגען אזוי ווייך און קונציג אויף דיא סטרונעס פון א פיעדעל, זיינען געוועזען וויא שטייפע פלעק־לאך ביי׳ם איינוויקלען א באנטש......

און קלמן הירש פלעגט איהם נעהמען דעם לעבער ביי דער ארבייט.

— זעה, זעה דאדושע, דאס איז דיין באנטש. ער איז פיין, זעהר פיין אויס־געפיהלט, סמוקט, גאר אן אנטיק. נא, פרוביר איהם סמוקען — פלעגט קלמן הירש זיך צו איהם ווענדען, דערלאנגענדיג איהם דעם איינגעראלטען סיגאר. דאדושע פלעגט מיט א נארישען און נאאיווען פנים נעהמען דעם סיגאר אין מויל, פלעגט אנהייבען צו סמאקצען איהם מיט אלע קרעפטען, נאר קיין סמן פון רויך.

ער פלעגט רויט ווערען, פלעגט אראבלאזען דיא אויגען וויא א פערברעכער, און פלעגט שווייגען.

— נו — פלעגט רעדען ווייטער קלמן הירש — ווארום סמוקסטו איהם ניט? ציעה שטארקער, שפאן איין א פאאר פערד אין איהם, אפשר וועלען זיי קענען ביי איהם ארויסציהען א רויך! אי, דאדושע, דאדושע, וואס טראכסטו זיך; דוא

מיינסטו הפנים, אז דוא ביזט אין זלידנעווקע, דוא ווילסט זיך גאר ניט אבגעבען צו דער ארבייט; וואס וועט זיין דער תכלית פון דיר; דוא האסט דאך א ווייב מיט קינדער.

דיזע ווערטער פלעגען שטעכען דאדזשען אין זיעבעטען ריפ; דאס הארץ פלעגט איהם אנהייבען צו קלעמען און צו וויינען; ער פלעגט פיהלען, אז קלמן הירש האט רעכט, אז ער מיינט זיין טובה, און ער פלעגט זיך אין הארצען פערשווערען, אז ער וועט ארויסווארפען אלע אנדערע מחשבות און וועט זיך א נעהם טהאן צו דער ארבייט. — געגוג פיעדעל, אוים פיעדעל — פלעגט ער טראכטען — א רחמנות נעבאך אויף חיה׳ן, אויף דיא קינדערלאך, מען מוז זיך נעהמען צו דער ארבייט, אזוי איז קיין תכלית — און ער פלעגט נעהמען אויסשפרייטען נעבען זיך דעם באנדער און פלעגט אנהייבען אין הויפען צו קלייבען איינציגע שטיקלאך טאבאק פיר א באנטש.

באלד אבער פלעגט ער פערגעסען וואו ער איז און וואס ער טהוט. א זיסער דרעמעל פלעגט איהם עפעס וויא ארומנעהמען.

אין דרעמעל פלעגען איהם זיך חלום׳ען זיסע טענער. ער שטעהט מיט׳ן פיעדעל אין טהעאטער און שפיעלט. דער עולם איז גרויס, גרויס אהן א שיעור, אהן א ברעג. חיה, ניט דיא קראנקע בלאסע חיה, נאר דיא, פון זלידנעווקע, א שעהנע, א שטראהלענדע פון נחת מיט איהרע 2 גרעסערע קינדערלאך, שטעהט צווישען דעם עולם און הערט זיך צו צו זיין פיעדעל. ער שפיעלט קונציג, מיט גוסט עפעס אן אייגענעס, אן אונמוטהיגעס. דיא טענער ציטערן, דיא הערצער ביי דעם עולם הייבען זיך אזש פון התפעלות, דיא אויגען אויסגעגלאצט. ער האט אויפגעהערט צו שפיעלען. דער עולם קלאפט בראווא. קלמן הירש לויפט צו איהם צו וויא א פערסמ׳טער, נעהמט איהם ארום און שרייט אוים: ברודערל, דוא האסט מיך פשוט מחיה געוועזען; און איך, נאר, האב דיך געוואלט מאכען פיר א סיגארען מאכער...

— האסטו שוין געמאכט א באנטש? — האט פלוצים א רויש געטאן איהם אין אויער. ער האט א ציטער געטאן און האט א קעהר געטאן דעם קאפ, נעבען איהם איז געשטאנען קלמן הירש מיט זיין בלאסען גוט-מוטהיגען פנים און מיט א שמייכעל אויף דיא ליפען.

— הא — האט דאדזשע וויא פון שלאף ארויסגעשטאמעלט, און האט גענומען אריינלעגען דיא טאבאק, וואס איז געלעגען ביי איהם אין הויפען, אין באנדער און וויקלען זיא.

קלמן הירש האט א קוועטש געטאן מיט דיא פלייצעס. האט עפעס א מורמעל געטאן אונטער׳ן נאז און איז אוועג צו זיין ארבייט.

דאָדזשע פלעגט קוים דערלעבען 6 אוהר, ווען ער פלעגט אוועג א היים. דאָרטען פלעגט ער אביסעל זיך אויסרוהען ביי דער פיעדעל; נעבען איהר פלעגט ער זיך פיהלען עפּעס גאָר אין אַן אנדער עולם.

ניין, דאס איז ניט דאָדזשע דער פערדולטער מיט דיא ליימענע פינגער, וואס מאכט פון טאבאק הארטע פלעקלאך ביי קלמן הירש'ן אין סטאָרקע — דאס איז אנאנדער דאָדזשע, א ווירטואָז, א קינסטלער, וועמען דער טאלענט האט אוועגגע־ריסען פון דעם ענגען האלב־דונקעלן צימער, וואו חיה שטעהט איבערגעבויגען אי־בער'ן וויגעלע און קאָרמעט מיט'ן ברוסט דאס קינד; וואו ברוך'קע מיט באשענ־קען — שיינענקע קינדערלאך מיט בלויע אויגען, אין צוריסענע קליידלאך און באָר־פיסע — שפּיעלען אויפ'ן פּאָל, נעבען אויוען. ער שוועבט־יעצט ווייט, ווייט, פון צימער, העט הויך, גאָר אין אַן אנדער עולם; דאָרטען גיעסען זיך און פלעכטען זיך, און פערוועבען זיך פערשיעדענע טענער אין זיסע מעלאָדיען, און דיא אלע הי־מעלשע טענער ציעהען זיך פון זיין נשמה צו דער פיעדעל און פון דער פיעדעל הויך, הויך, ווייט, ווייט....

דיא אויגען ברענען, דיא האָאר אויפ'ן קאָפּ צוואָרפען און צופלאָנטערט, דער בלאסער פנים — פלאם פייער; דיא האנד מיט'ן סמיק הויבען זיך איבער דיא סטרונעס ארויף אַין אראָב און דיא פיעדעל רעדט און רעדט....

אט האט א ברום געטהאן דיא גראָבע סטרונע, דיא פרימע האט איהר גע־ענטפערט מיט א זיפץ, דיא דינע סטרונע האט עפּעס זיך אויך פערפּיעשטשעט: טיאָך, טיאָך, טיאָך.... און אט הויבען זיי אלע מיט א מאל אן צו רעדען, אפרי־הער בייז, מיט רוגזה, באלד ווייכער, גוט, אזוי גוט, אז חיה טהוט א קעהר איהר קאָפּ צו דאָדזשען, אויף איהרע ליפּען קומט ארויס א גליקליכער שמייכעל, אין איהר הארץ צוגיעסט זיך אזא גוטסקייט צו איהם, און אין קאָפּ קומט אריין א מחשבה: „ניין, אזא כלי־זמר קען ניט פערפאלען זיין, סיידען דיא וועלט זאל זיך עקען".

איבערהויפּט איז חיה, צייט דאָדזשע האט אנגעהויבען צו ארבייטען ביי סי־גארען, געוואָרען גוט צו איהם. זיא פלעגט איהם ניט שטערען צו שפּיעלען אויפ'ן פיעדעל, וויא פריהער. „נאָך א שווערען טאג ארבייט, לאז ער כאטש דעם „פער־גניגענד" האבען; פון אכילה ברוך־השם קען ער קיין פערגעניגענד ניט האבען." חוץ דעם האט זיא טאקע געהאָפט, אז מיט דער צייט וועט ער פאָרט קריעגען א פּלאַץ אין א קאָמפּאניע, און יעמאלט, מיט גאָט'ס הילף.... דיא וועלט דארף דאָך רייסען קריעה אין דער אמתן, אז דאדזשע זאל אוועקלעגען דיא פיעדעל.... עפּעס א קאטאָוועס דאדזשע, וואס פיר א שם ער האט געהאט אין דער היים... א קאָ־

טאוועס, בײ דיא גרעסטע פריצים און גבירים פלעגט ער אזוי אויסנעהמען, אז זײ װאלטען פיר איהם ניט נעהמען א זאק מיט ציבעלעס. אפילו איהר טאטע בערל אפיאל, וועלכער האט געשפּיעלט בײ „סטעמפּעניון" אין חברה און איז אויך ניט געווען אבי וואסער קלעזמער, פלעגט אויך זאגען, אז פון דאדושען וועט ארויס א לייט. דעריבער טאקע האט זיא זיך געפיהלט אזוי גליקליך, ווען דאדושע האט מיט איהר חתונה געהאט. „באשר ער איז יעצט אייף צרות, נו, וועט גאט געבען, ער וועט זיך אויסגרינגען, זיך בעקענען מעהר, דערוויילע וועט ער מאכען א לעבען פון סיגארען, און ער וועט ניט פערפאלען זיין."

פון דער ארבייט, וויא עס איז געגאנגען בײ דאדושען, האט זיא ניט געוואוסט; קלמן הירש האט איהר געזאגט, אז עס מוז נעהמען א חודש, ביז וואנען דאדושע וועט ווערען א שטיקעל בעל-מלאכה, לעת-עתה איז נאָר צוויי וואכען, אז דאדושע איז אין דער ארבייט, ביז א חודש איז גאט גוט....

אין אזעלכע מינוטען פלעגט זיא טרויסטען דאדושען.

— פאל בײ זיך ניט אראב, דאדושע, — פלעגט זיא איהם טרויסטען — ניש־קאשע, דיא וועלט עקט זיך נאך ניט, אזעלכע קלעזמער וויא דוא וואלגערן זיך נאך ניט אין דיא גאסען. מיט דער צייט וועסט זיך אביסעל אויסגרינגען, בעקענען זיך מעהר מיט לייטען און דוא וועסט זעהן, אז מיר וועלען נאך זעהן נחת. סטארע זיך נאר אויסלערנען סיגארען, און עס וועט אלץ גוט זיין.

דיזע ווערטער פלעגען פשוט מחיה זיין דאדושען. ער פלעגט דערפיהלען עפּעס אין זיך א נייע נשמה; אין דיא אויגען פלעגט זיך אָנצינדען א פייערל און ער פלעגט זאגען אויפגערעגט:

— 'ך ווייס, אז איך זאג דאך, חיה, אז עס איז גאר נישט; דיא הענד הייבען זיך גאר ניט בײ דער ארבייט. אט דיא פידעל, נאָר דיא פידעל קען מיך שטעלען אויף דיא פיס. אט בײ דער פידעל דיא שווערסטע זאך וועל איך דיר אויסשפּיעלען ניט פערמאטערט, און בײ דיא סיגארען ווער איך אָבגעגאָסען מיט שוויס, און וואָס? — גאר נישט.

א', חיה, ווען איך זאל זיין ביכולת, וואלט איך נאך איצטער א שפּיי גע־טאן אויף דיא סיגארען און וואלט ווידער געגאנגען זוכען עפּעס א קאָמפּאַניע.

— ווען דוא וואלסט געווען ביכולת, — פלעגט חיה איהם ענטפערן א ביסעל אויפגערעגט — מאלע וואס עס וואלט געווען, אז דוא וואלסט געווען איצטער אין דער היים, וואלסטו אויך ניט גדארפט אויסגעריסען ווערען אין אמעריקא, אבער דיא צרה איז, אז מען איז שוין אין אמעריקא און מען איז שוין ברוך-השם אויף

צרות, דארף מען טאן, וואס עס מאכט זיך. איז טיגארען — סיגארען, איז אן אנ־
דער זאך — איז אן אנדער זאך, אבי ניט געהונגערט. הערסט, דאָדזשע ? איין מי־
נוט טארסטו ניט קלעהרען צו ווארפען דיא ארבייט ; פערגעס ניט, אז באלד וועט
שוין ניט זיין פאר וואס צו קופען א ברויטעל.

דאדזשען פלעגט ווידער אונמוטהיג ווערען אויפ'ן הארצען.—לאז זיין אזוי—
פלעגט ער ארויסרעדען פערשטיקט, און פלעגט זיך ווידער נעהמען צו דער פידעל.

און דיא פיעדעל האט איהם פערשטאנען מעהר אלס חיה, מעהר אלס קלמן
הירש און אנדערע מענשען. און זיא פלעגט איהם בעקלאָגען אזוי טרויעריג, אזוי
הערצרייסענד, ציטערנדיג און צוויטענדיג זיך אין גאנצע, האלבע און פיערטעל
טענער, אז ביי חיה'ן פלעגט פערשטומען דאס הארץ, און שטילערהייד פלעגט זיא
אראָבווישען א הייסען טרער פון דיא אויגען.

* * *

עס זיינען שוין אוועק גאנצע 3 וואכען צייט דאדזשע האט אנגעהויבען צו
לעהרנען ביי קלמן הירש'ן סיגארען. דיא צייט איז גענוג פיר דעם ערגסטען לעהר־
לינג, אום אויסצולערנען זיך, וויא צו מאַכען א „לייטישען" באָנטש. דאדזשע האט
אבער געמאכט אכ'ן זיינע „פלעקלאך." קלמן הירש האט פשוט ניט געוואוסט,
וואס צו טאָן מיט איהם. ער האט שוין געפּרובירט אי מיט גוטען אי מיט בייזען;
אי געזאָגט איהם מוסר אי געזידעלט, אבער עס האט איהם געהאלפען, וויא א
טוידטען באנקעס. דאדזשע איז זיך געזעסען ביי דער ארבייט פערחלומ'ט, פאַר־
שמעלענדיג זיך מיט דער פיעדעל אין פערשיעדענע פּאָזעס, א גליקליבער, א פער
שכורמטער פון דער רייכער פאנטאזיע....

ער האט שוין פיעל מאל געפּרובירט אנצוטאָן א כח און ניט צוטראַכטען,
אבער, אויף להכעיס, פלעגט זיך איהם דווקא טראַכטען. ער האט אויף קיין פאל
ניט געקענט מנצח זיין דיא פאנטאזיע....

אין דער היים האט חיה דערוואסט, וויא שלעכט ביי איהם געהט דיא אר־
בייט, און זיא פלעגט איהם גריזשען, יאדען. און ביי איהם פלעגט פערקלעמען דאס
הערץ און ער פלעגט שווייגען, שווייגען, וויא א שטומער. וואס זאל ער טאן ?
ארויסנעהמען דאס הערץ און צייגען פאר זיי ?.... ער פלעגט נעהמען ברוך'קען
מיט באַשענקען צו זיך אויפ'ן שויס, פלעגט זיי שטומערהייד גלעטען דיא האָאר,
קוסען זיי. אויפ'ן פיעדעל האט ער יעצט מורא געהאט צו שפּיעלען, אום נאך ניט
מעהר ארייַנצוברייַנגען חיה'ן אין כעס. צייטענווייז פלעגט ער א ווארף טהאן א
בליק אויפ'ן וואנד, וואו עס איז געהאנגען דיא פיעדעל, אריבערגעדעקט מיט זיינעם

אן אלטען העמד, נאכהער אויף חיה׳ן, וועלכע פלעגט פאדען ארום אויווען אדער ביין וויגעלע, פלעגט ווידער אראפלאזען דיא אויגען, פלעגט צודריקען צו זיך ברוך־קען מיט באשענקען פעסט און פלעגט שוויינען.

איינמאל איז ער געקומען א היים פון דער ארבייט א פערמאטערטער. חיה איז ניט געווען אין צימער. דער 5-יעהריגער ברוך׳קע האט געוויעגט דאס וויגעלע; דיא 3-יעהריגע באשענקע האט זיך ארומגעטראגען מיט א דאל פון א שטיק האלץ מיט א שמאטע איבער׳ן צימער. דיא קינדער האבען איהם דערזעהן, זיינען ביידע צו איהם צוגעלאפען מיט א געשריי: — טאטע, דיא מאמע איז אין סטריט נאך ברויט געגאנגען.

— אניע וויינט, — האט געזאגט באשענקע, אויפהויבענדיג איהרע גרויסע בלויע אויגען צום פאטער און ווייזענדיג מיט׳ן פינגערל אויפ׳ן וויגעלע.

— איך האב זיא פערוויעגט — האט געזאגט ברוך׳קע.

— גוט, גוט, קינדערלאך — האט געזאגט דאדושע, און האט א קוש גע־טאן פריהער באשענקען, נאכהער ברוך׳קען.

ער האט א קוק געטאן אויפ׳ן פיעדעל. שוין מעהר אלס א וואך האט ער זיא ניט געהאלטען. אויפ׳ן הארצען איז איהם געווען זעהר שווער. דיא ארבייט איז ביי איהם ניט געגאנגען, און היינט האט קלמן הירש געזאגט, אז ער וועט קיין מאל ניט זיין קיין ארבייטער — אומזיסט זיין מיה. וואס וועט זאגען חיה? וואס וועט זיין מיט זיי?....

ער איז איין מינוט געשטאנען, וויא פערטראכט, נאכהער איז ער צוגעגאנגען צו דער פיעדעל, האט זיא אראפגענומען פון וואנד, האט זיא גענומען בעטראכטען, פראבירענדיג מיט דיא פינגער דיא סטרונעס. נאכהער האט איהם גענומען צו איהר ציעהען, וויא מיט א מאגנעט. „גאר א קורצע זאך — האט ער א טראכט געטאן— ביז וואנען חיה וועט קומען....“

ער האט א פיהר געטאן מיט׳ן סמיק איבער דיא סטרונעס, און א שווערער זיפץ האט זיך ארויסגעריסען פון דער פיעדעל. נאך א פיהר מיט׳ן סמיק, און דיא פיעדעל קרעכצט, און דיא פיעדעל קלאגט, אט וויא א קליינטשיקעס קינד, אט וויא א בעיאהרענטער מאן און אט אזוי שטיל, אזוי פערשטיקט, וויא אן אלטער גרויער מענש.... וואס ווייטער ער שפיעלט, אלץ מעהר פערגעסט ער זיך. ניטא קיין חיה, ניטא קיין קלמן הירש, ניטא קיין באנטשעס. אוים צרות, אוים יסורים,

אויס דאגות,—עס זיינען בלויז דא טענער, וועלכע גלעטען איהם דאס הערץ, צופּען איהם ביי דער נשמה, גיעסען זיך און צאפּלען זיך אין דער לופט.

דיא קינדער האבען זיך געפרייט, צוהערענדיג זיך צום טאטענס פיעדעלע. ברוך'קע האט זיך גנעזעצט אויפ'ן פאָל, לעבען דעם טאטענ'ס פיס און האט מיט זיינע גרויסע אויגען געקוקט ארויף אויף דעם טאטענ'ס פנים; באשענקע איז געשטאנען אריינגעשפּארט א פינגערל אין מויל און האט גליקליך געלאכט, קוקענדיג דאָ אויף ברוך'קען און דאָ אויפ'ן טאטען.

פלוצים האט זיך דיא טהיר געעפענט און חיה איז אריין אין צימער.

באשענקע האט זיך א וואָרף געטאָן צו איהר מיט א פריילינען געשריי: מאמע, זעה, דיא פידעיע טאטע!

— פיעדלען זאָל ער מיט דער נשמה, גוטער גאָט — האט חיה אויסגעשריען, אָפּשטופּענדיג פון זיך באשענקען און גערענדיג צו דאָדזשען.

— שפּיעל, שפּיעל, דאָדזשענקע,—האט זיא געשריען — שפּיעל, דיר פעהלט שוין גאָר נישט. דוא האסט זיך שוין אויסגעלערענט דיין ארבייט, דוא קענסט שוין שפּיעלען... דיין ווייב און קינדער וועלען שוין זיין זאט. קלמן הירש האט מיר אויך איצטער געזאָגט, אז דוא וועסט שוין זיין א טהייערער בעל-מלאכה, שטיקער גאָלד וועסטו פערדיענען. גזלן, גזלן, - האט זיא געשריען — וואס האָסטו צו מיר? ! איך וועל זיך דאָך אָנטאָן א מיתה. סטייטש, 4 וואָכען געלערענט אַן ארבייט און אויפ'ן סוף ניט קענען! זעה, זעה, ער הערט גאָר ניט: רעד צו איהם און רעד צו דער וואנד! אַי, אַי, דיא פיעדעלע, דאס איז זיין מלאך-המות!

דאָדזשע איז געוועזן אזוי טיעף אריינגעטאָן אין דער פיעדעל, אז זעהענדיג דיא ווייב און הערענדיג איהרע קולות, האט זיך איהם גערדאכט, אז ער זעהט זיא און הערט זיא נאָר אין חלום, דיא ווירקליכקייט אָבער איז פול מיט זיעסע טענער...

— רוצח! — האט זיא אויסגעשריען, אָנכאפּענדיג איהם פאַר'ן האנד — ווארום מוטשעסטו מיך! איך וועל דאָך פון דיר מאכען א תל!

—אַי!—זיא האט מיט גיפט ארויסגעריסען פון איהם דיא פיעדעל, האט זיא א וואָרף געטאָן אָן ד'רערד, דיא פיעדעל איז צופלויגען אויף דריי שטיקער.

דאָדזשע האט זיך א כאפּ געטהאָן ווייא פון א טיעפען שלאָף. ער איז געבליעבען שטעה'ן א בלאסער מיט אויסגעגלאָצטע אויגען אויף חיה'ן און מיט אן אָפּענעם מויל. ברוך'קע האט זיך פערנאנדערגעוויינט, באשינקע האט אויפגעהויבען א שטיק פיעדעל פון ד'רערד, האט עס צו געטראָגען צום טאטען און שפּארענדיג איהם זיא, האט זיא שטיל געזאָגט: „טאטע, נאַ, נאַ, פיעדיע, נאַ פיעדיע."

נור דער טאטע איז אלײן געשטאנען מיט אויסגעגלאָצטע אויגען, קוקענדיג אויף חיה'ן. פּלוצים האט ער זיך א טרײסעל געטאָן, ער האט זיך אָנגעכאַפּט פאר'ן קאָפּ, האט לײדענשאַפטליך אויסגעשריען: „חיה, חיה, וואס האסטו גע־טאָן? דיא פיעדעל, דיא פיעדעל, חיה, אַי!" און ער איז צונעפאלען צום וואנד מיט'ן קאָפּ און האט זיך היסטעריש פערנאנדערגעװײנט....

May —97
Hoboken, N. J.

חוה נעבעך.

אויפ'ן טאָפּ פלאָאָר אין לודלאָו סטריט, ביי אייבראַם דעם העמדען־נייהער אין דער היים, איז אין דעם דאָזיגען פריהמאָרגען געװען לעבעדיג.

אייברם'ס װײב חיה שרה — א נידריגע, דארע אידענע פון א יאָהר 50, מיט א געלבזיכטיגען, צוקנײטשטען פּנים, אין א אונטערגעקאַשערטע, פערשלומפּערטע קליידעל, איז געלעגען אויפ'ן פּאָדלאָגע און האט געריבען. נעבען איהר איז געשטא־נען אן עמער שמוציגע וואסער, א בארשט מיט זייף און א נאסע שמאַטע; זיא פלעגט אריב טאָן דיא בארשט אָן דיא זייף, פלעגט מיט כוחות א ריב טאָן דיא פּאָדלאָגע און פלעגט נאכדעם אראָפּװישען מיט דיא נאסע שמאַטע.

זיא האט געמוזט לײדען פון א קאַטער, װײל דער שפּיציגער נעזעל איהרער איז געװען רױטלאך און יעדע מינוט פלעגט זיא מיט איהם א סמאָרקע טאָן און פלעגט איהם צוטולען צום ארבעל פון איהר קאָפטע, דאן פלעגט זיא װידער א כאפּ טאָן דיא בארשט מיט דיא זייף און פלעגט װידער רייבען דיא פּאָדלאָגע....

אין צימער איז געװען חושך, ענג, פּאַררויכערט און עס האט געשמעקט מיט נעטץ און מיט טוכלע. דיא צװײ פענסטער זיינען געװען פון דרויסען פארשטעלט מיט א הויכער, רויטער װאנד פון ציעגעל און זעלטען, זעלטען פלעגען דיא ליכטיגע שטראהלען פון דער זון דורכקריכען דיזע הויכע װאנד און פלעגען אריינקוקען אין אייבראָם ד'עם העמדען נייהערס און זיין הויז געזינד'ס ענגען קבר...

נעבען פענסטער איז געזעסען חוה, אייבראַם'ס טאָכטער, א מײדעל פון א יאָהר דרייסיג, א'ן אויסגעדארטע, אויסגעקװארטע, מיט א בלאסען, דארען פּנים

און מיט אן איינגעפאלענער ברוסט. איהרע אויגען, שווארצע, גרויסע אויגען, האבען געבליסטשעט, אבער ניט מיט דעם פייער פון יוגענדליכער שיינהייט, נור מיט א פייער פון א קראנקער ליידענשאפט. זיא איז געווען אָנגעטאָן יום־טוב׳דיג, אין א שווארצע קלייד, האט געהאלטען אויפ׳ן שויס איהר פאָטער׳ס שבת׳דיגען ראָק, וואס איז געווען אין גאנצען איינגעטונקט אין פעדערן, און האט איהם גערייניגט מיט א קליידער־בערשטעל.

— עס איז גאָר נישט צו דערדייניגען זיך — האט זיא ארויסגערעדט מיט מיט פערדרוס — איך דארף זיך מיט דעם יעצט פאטשקענען און ער קען נאך דער־ווייל קומען....

חיה שרה האט זיא אנגעקוקט און, איינטונקענדיג דיא שמאטע אין דיא עמער וואסער, האט זיא א פאָהר געטאָן מיט׳ן ארבעל איבער׳ן נאָז און האט געזאָגט:

— געהם, טאָכטערקע, א ביסעל קעראָסין אויפ׳ן בערשטעל און רייב אויס..

— קעראָסין, קעראָסין, האט געזאָגט חוה מיט הארץ — נאכדעם וועט שמע־קען פון מיינע הענד, איך וועל ניט קענען דערוואשען.... שפּארען איהם א האנד אין קעראָסין, האט זיא אויסגערעדט וויא פאר־זיך.

חיה שרה איז געווען מיט דעם איינפערשטאנדען. זיא האט אזוי געוואָלט, אז דיא הענד ביי איהר טאָכטער זאלען הייגט זיין ריין — און זיא האט געזאָגט:

— כאָז דאס טאָכטערקע, איך וועל שוין אליין עס מאכען ריין.... אָי, האט זיא זיך פלוצים א כאפּ געטאָן — צרות מיינע גרויסע, איך בין נאך ניט פארטיג און עס מוז שוין זיין שפּעט.... ער וועט אוודאי באלד קומען אין שטוב, וועה, וועה.... א קליידעל וואלט איך באָטש אויף זיך ארויפגעכאפּט, אז דיא אויגען זאָ־כען ניט דארפען פלאמען פון חרפּה! און זיא האט גענומען מיט מעהר כוחות ריי־בען דיא פּאָדלאָגע.

— ער האט געזאָגט, אז ער וועט ביי מיר זיין ארום צעהן—האט פארטראכט ארויסגערעדט חוה, — האט אוועקגעלייגט איהר טאטענס רעקעל אויפ׳ן שטול און האט גענומען קוקען דורכ׳ן פענסטער אין דרויסען....

אין דיזען פריהמאָרגען האט דיא זון זעהר שטארק געברענט. זיא האט גע־וואָלט, דאכט זיך, גובר זיין דיא וואנד און ארייגקוקען צו חיה שרה און חוה׳ן אין הויז.

אָט האט זיך גענומען גנב׳ענען אן איינציגער ליכטיגער שטראהל פון אויבען ארום דיא וואנד.... ציטערענדיג רוקט ער זיך, רוקט ער זיך, שטיל, פּאמעלאך,

אזוי וויא ער וואָלט זוכען דעם וועג.... אָט האט ער זיך אראָפּגעלאָזען אונטען גאנץ נידעריג, איז געבליבען שטעהן איין רגע און פּלוצים, אזוי וויא פון עפּעס ער־שראָקען, האט ער זיך א הויב געטאָן שנעל ארויף, ארויף, איז געבליבען שטעהן, האט זיך א ריהר געטאָן פון איין אָרט אויפ'ן אנדערן, האט א פינקעל געטאָן, האט א ציטער געטאָן און איז פערשוואונדען....

א רונקעלער שאָטען האט זיך צושפּרייט איבער דער הויכער רויטער וואנד, און אין צימער איז געוואָרען דונקעלער....

חוה האט עס ניט באמערקט און ווען אפילו זיא וואָלט בעמערקען, וואָלט איהר עס איצטער אויך ניט אינטערעסירט: איהר קאָפּ, איהר הארץ, איהר נשמה זיינען איצטער געווען פול מיט „איהם". היינט וועט זיא ווערען זיין כלה. אויס אלטע מויד, אויס חרפּה, אויס שאנדע — זיא וועט זיך ניט דארפען שוין שעהמען פיר איהרע לאנדס מיידלאך, זיא וועט שוין זיי מעהר ניט מקנא זיין, איהר מוח וועט שוין מעהר ניט דארען פון פינסטערע מחשבות; זיא וועט שוין מעהר ניט זאָגען — זיא ווערט היינט א כלה, חוה ווערט א כלה!....

און האט זיא זיך אויף דעם געקענט ריכטען מיט צוויי וואָכען צוריק, זיא, וועלכע האט שוין געוועזט פארלאָרען יעדע האפנונג צו התונה האבען!....

דיא יונגע באָיעס פלעגען זיא אויסמיידען און פלעגען איהר קיינמאל ניט גע־בען קיין „שאָו" צו טאנצען מיט איהר אָדער אזוי פארברייננגען. זיא האט שוין פּרובירט צו זוכען מזל אין דיא „דענסינג סקוהלס", אָבער דארטען נעבאך פלעגט איהר אויך אויסקומען צו טאנצען אדער מיט א מיידעל וויא זיא, אָדער מיט'ן „פּראָפעסאָר".... דיא בעקאנטע מיידלאך האבען זיא אויך אויסגעלאכט, האבען זיא פעראכטעט....

פּלוצים האט זיא זיך בעגעגענט מיט איהם; ער האט געהאלטען באָארד ביי אייבראָם'ס א לאנדסמאן. ער איז אלט געווען א יאָהר דרייסיג. ער איז געווען א געזונדער, הויכער מאנספּערזאָן און האט אויסגעקוקט אין איהרע אויגען גאָר ניט מיאוס.

זיי האבען זיך בעקאנט און ער איז באלד געוואָרען איהרער א נאהענטער פריינד. ער האט איהר דערציילט, אז ער איז זייט דריי חדשים פון שיקאגאָ און ארבייט; אלס אגענט ביי מאשינעס.... זיי האבען באנאנד גענומען שפּאצירען אין דזשעקסאָן פּארק. ער האט זיך אינטערעסירט מיט איהר זעהר שטארק, מיט איהר ארבייט. זיא פלעגט זיין מיט איהם אָפענהערציג און פלעגט איהם אלץ דערציילען, אפילו דאס, אז זיא האט אָפּגעשפּאָרט פון איהר ארבייט א 150 ד. אין דיא בייגק.

איינמאָל, ווען זיי האבען געשפּאצירט איבער דזשעקסאָן פּארק, האט ער זיך פּלוד־צים גענומען פאר איהר קלאָגען, אז ער איז עלענד, אליין וויא א שטיין און אז ער וואָלט שוין לאנג חתונה געהאט, אבער עס מאכט זיך אַלץ ניט א לייטעשע מיי־דעל. ער קוקט ניט חס ושלום אויף שיינקייט. ער דארף נור א פרוי, וואס זאָל איהם פארשטעהן, וואס זאָל זיין א בעל הביתישע מיידעל, מיט וועמען ער זאָל זיך ניט פיהלען עלענד....

ער האט גערעט אזוי וויך, אזוי זיס־טרויעריג, זיין פּנים האט בשעת מעשה געקוקט אזוי רחמנות'דיג, אז חוה'ן האט פארקוועטשט דאס הארץ. זיא וואָלט אויף איהם געוויס רחמנות געהאט, זיא וואָלט איהם געוועז אזוי טריי און איבער־געבען, זיא וואָלט איהם געלאָמצעט, געהאלובעט, זיא וואָלט איהם געקוקט אין דיא אויגען, זיא, זיא, זיא...... ווען ער זאָל נור וועלען ווערען איהר חתן.... זיא האט א ציטער געטאָן מיט איהר קערפּער, ווען ער האט דאן איהר געפרעגט, אויב זיא וואָלט איהם וועלען, דאס הארץ האט אין איהר ברוסט געפלאטערט, אין פּנים האבען זיך געביטען דיא פארבען....

א פראגע, אויב זיא וויל איהם! יענער אבענד איז געוועזן דער גליקליכסטער אבענד ביי אייבראַם'ן אין הויז. ווען חוה האט וועגען דעם דערציילט איהרע עלטערן, האבען זיי פּשוט ניט געוואוסט וואס צו טאָן פון שמחה; חיה שרה האט אזש גע־נומען בליפען און אייבראם איז שיעור ניט משוגע געוואָרען פון פרייד. א קאטאָ־וועס עפּעס אזא בארג אראָפּ פון דיא פּלייצעס! היינט אבענדס דארף אבער ערשט זיין דיא הויפּט שמחה — היינט דארף זיין דיא תנאים. אייבראם איז אוועק צו דיא לאנדסלייט איינלאַדען זיי אויף דער שמחה; חיה שרה האט לכבוד דעם גע־נומען ריין מאכען דיא הויז און חוה האט היינט ניט געארבייט און האט געווארט אויף איהם, אויף איהר חתן, אויף סיימאָנען. ער האט נעכטען פערשפּראָכען צו זיין ביי איהר אין דער פריה ארום צעהן.

חיה שרה איז פארטיג געוואָרען מיט דער פאדלאָגע, זיא איז אויפגעשטאַנען אויף דיא פיס, האט געהאלטען אין דיא הענט דיא באַרשט מיט דיא זייף און האָט געריבען איהר נאָז אן דעם ארבעל פון קאָפטע. פּלוצים האט מען אָנגעקלאַפּט אין טהיר און סיימאָן איז אריין....

II.

דאס איז געוועזן א שווארצינקער יונגערמאָן מיט א שווארצער קיילעכדיגער בערדעל, מיט א לאַנגען, אמת אידישען נאָז און מיט קליינינקע, לעבעדיגע אויגלאך,

וואס האבען געקוקט אויף אלע זייטען. ער איז געווען א הויכער מיט ברייטע פליי־צעס און האט געטראָגען א העלען, ביליגען קאָסטיום און א ווייסע געפּרעסטע העמד מיט אן אָפּגעלייגטען קראַגען.

ווען חיה שרה האט איהם דערזעהן, האט זיא אויף גיך א כאַפּ געטאָן דיא עמער שמוציגע וואסער, וואס איז געשטאנען אויפ'ן וועג, האט עס אָפּגעשטעלט אָן א זייט, האט א סמאַרקע געטאָן מיט'ן נאז און האט איהם געזאָגט מיט אזא טאָן, וויא זיא וואלט זיך געגען איהם פיהלען שולדיג:

— סיימאָן, דוא זאלסט שוין אויף מיר ניט קיין פאראיבעל האָבען. אזא הארצוויייטאג, איך האב זיך ניט געקענט איספּראווען פריהער. איך גאה ארום וויא א שיקסע אין א שלומפּער, זעה,״ דוא זאלסט אויף מיר....

— וואס רעדט איהר, מחותנתטע, האט ער געזאגט מיט א ווייבען, פריינד־ליכען טאָן — איך זאל אויף אייך קיין פּאַראיבעל ניט האָבען? האָט איהר אויף מיר קיין פּאַראיבעל ניט בעסער, וואָס איך האב אייך געמישט אין מיט'ן דער ארבייט....

מחותנתטע! דיזער וואָרט האט אזוי אנגענעהם געקיצעלט חיה שרה'ן ביים הארצען, אז זיא האט א קוק געטאָן אויף איהם מיט לייבטענדע, פריילינבע אויגען, אז זיא האט אפילו פאַרגעסען אן איהר נאָז, פון וועלבען עס האט יעצט א טריף געטאָן, און האט געזאָגט מיט א טאָן פון הרחבה:

— פּטור נו, סיימאָנקע, זאָלסטו מיר לעבען און געזונד זיין, פון וועמענס וועגען דען קלייבט מען איצטער צו, ווען ניט פון דיינטוועגען... מישען גאָר? זאָלסטו מיר געזונד זיין, סיימאָנקע, אזא מישינעס זאָל איך האבען צייט מיין לעבען, רבונו של עולם, ס'רא מישענעס דוא ביזט, א דאנק גאָט, ביי מיר....

סיימאָן האט א שמייכעל געטאָן און איז צוגעגאנגען צו חוה'ן. חיה שרה האט א כאַפּ געטאָן דיא עמער מיט דער שמאטע און א'ז ארויסגעלאָפען אין האָל.

— גוט מאָרגען, חוה'לע, האט סיימאָן געזאָגט מיט א צערטליכען טאָן פון א פערליעבטען און האט איהר דערלאנגט דיא האנד. זיא האט איהם שטום א דריק געטאָן דיא האנד.

זיא איז געווען זעהר אויפגערעגט. פון דעם וואָרטען אויף איהם זיינען ביי איהר דיא נערוועז געווען זעהר אָנגעשטרענגט און ווען ער איז פּלוצים אריינגעקומען, האט איהר דערלאנגט א קלאַפּ אין הארצען און זיא האט א ציטער געטאָן מיט'ן גאנצען קערפּער.

ווייל זיא איז געווען ניט קיין יונגע, גאַאיווע מיידעלע, ווייל זיא איז געווען א

בת שלושים, ווייל זיא האט שוין געוועזט אויפגעגעבען יעדע האָפנונג ווען עס איז אמאל חתונה האבען, האט זיא איהם בעטראכט אלס איהר רעטער, זיא האט איהם פארגעטערט, זיא האט צו איהם געפיהלט אזא טיעפע דאנקבארקייט און דערצו נאך אזא ברענענדע ליידענשאַפט, וועלכע מען קען נור טרעפען ביי מיידלעך אין איהרע יאָהרען און אין איהר לאגע.... דעריבער האט זיא זיך גלייך ניט גע־קענט בעהערשען און האט ניט געקענט איהם ענטפערען אויף זיין בעגריסונג׃

— נו, וואס מאכסטו, חוה׳לע? האט ער געפרעגט, זעצענדיג זיך נעבען איהר אויף א שטול און אריינקוקענדיג איהר ליעבליך אין דיא אויגען.

זיא האט עפּעס א מורמעל געטאָן און האט אראָפּגעלאָזען דיא אייגען; א לייכטער פארב האט זיך צוגאסען פון אויבען איבער איהרע באקען נעבען דיא אויערן.

— ביזטו אויף מיר ברוגז? — האט ער ווידער געפרעגט ווייך, צארט און האט איהר א גלעט געטאָן מיט׳ן האנד איבער איהרע שווארצע האָאר.

זיא האט אויף איהם א קוק געטאָהן מיט איהרע גרויסע שווארצע בליסט־צענדע אויגען, אזוי וויא זיא וואלט וועלען מיט זיי זאָגען „ברוגז אויף דיר?‟ האט א דריק געטאן מיט דיא פּלייצעס, האט א שאָקעל געטאן מיט׳ן קאָפּ.

— ניין? היינט ווארום זאגסטו מיר ניט „גוט מאָרגען‟.

— גוט מארגען, האט זיא הייזעריג ארויסגערעדט און האט געשמייכעלט, קוקענדיג איהם א ביסעל מונטערער אין דיא אויגען.

ער האט א קעהר געטאָן דעם קאָפּ אהינטער, האט זיך אומגעקוקט און נאכ־דעם האט ער זיך צו איהר צוגעבויגען, האט איהר ארומגענומען און האט איהר א קוס געטאן אין שטערן.

ער האט דערפיהלט וויא זיא האט זיך א צאפּעל געטאן מיט׳ן גאנצען קער־פּער אין זיינע ארעמס און איהר הייסער אטהעם האט איהם א ברען געטאן אין פּנים.

— טהו מיר אויך.... האט ער געזאגט, האלטענדיג זיא נאך ארומגענומען. דיא אויגען זיינען ביי איהר געווען צוגעמאכט אזוי וויא זיא זאָל זיך חיותן אין א זיסען דרעמעל; אויפ׳ן פּנים און אויף דיא ליפּען ביי איהר האט געשפּילט א מינע פון גליקזעליגקייט.

— נו? האט ער געזאָגט, א גלעט טאָענדיג איהר איבער׳ן באק.

זיא האט א ביסענקע געעפענט דיא אויגען און א פייערעל האט א בליסטצען

געטאן פון דארטען און מיט דעם זעלבען גליקליכען שמייכעל אויף דיא ליפען האט זיא געזאגט:

— ס'רא פאלשער מענש איהר זייט. זיא פלעגט איהם זאגען „איהר", ווייל זיא האט זיך נאך אלץ ניט געקענט געוואוינען מיט'ן געדאנק, אז ער איז איהר חתן.

— איך בין א פאלשער מענש? מיט וואס? האט ער געפרעגט מיט זיין וויכען טאן.

— איהר ליעבט מיך דען? האט זיא געזאגט וויא מיט א פארוואורף.

— וויא מיין לעבען, האט ער געענטפערט — הלוואי וואלסטו מיר כאטש א העלפט געליעבט....

הלוואי וואלט זיא איהם כאטש א העלפט געליעבט! און ביי איהם איז עס נאך א פראגע! אוי, וויא זיא וואלט איהם וועלען זאגען, וויא שטארק זיא ליעבט איהם, אז איהר הארץ, איהר נשמה זיינען פערנומען בלויז מיט איהם, מיט איהם, נור מיט איהם אליין.... אבער אנשטאדט איהם עס צו זאגען, האט זיא איהם געפרעגט:

— ליעבט איהר מיך טאקע?

— אוי, ס'רא נארעלע דוא ביזט, חוה'לע, האט ער געזאגט — שוין זשע מיינסטו אז ווען איך זאל דיך ניט ליעבען, וואלט ביי מיר היינט געווען מיט דיר תנאים. זיי דוא ניט קיין נארעלע, חוה'לע, און טהו מיך א קוש.

ער האט זיך צוגעבויגען צו איהר. זיא האט איהם א ווייליגקע אנגעקוקט; פלוצים האט זיא איהם ארומגעכאפט מיט ביידע הענד ארום נאקען, האט זיך אויסגעבויגען, האט ליידענשאפטליך א קרעכץ געטאן און האט זיך איינגעגעסען מיט איהרע ליפען אין זיינע.

דאס איז געווען דער ערשטער קוס, וואס זיא האט איהם געגעבען נאך א לאנגען קאמפף צווישען ברענענדער ליידענשאפט און פון שעהמען זיך, אדער נידער-געשלאגענהייט....

אין א ווײלע ארום איז אריינגעקומען חיה שרה. זיא איז אריין גלייך אין שלאף-צימער, וואו עס זיינען געהאנגען איהרע מלבושים און האט זיך גענומען איבערטאן.

סיימאן האט זיך אבישינקע אבגערוקט פון חוה'ן און האט מיט איהר גענו-מען ריידען וועגען זייער צוקונפט.

— ווייסטו וואס, חוה'לע, האט ער געזאגט — מארגען וועסטו ארויסנעהמען

דיינע עטליכע דאלאר פון דיא ביינק און מיר װעלען מאכען א ביזנעס. מיר װעלען מאכען א מאשין סטאָר. איך בין מיט דיזע ביזנעס זעהר גוט בעקאַנט. ביז אונזער חתונה װעלען מיר, האָף איך, מאכען שײנע עטליכע דאלאר.

— פון מיינטװעגען, האט זיא געזאגט.

נאָך אין א װיילע ארום, װען ער האָט גענומען אָפּשייד פון חוה׳ן, איז שוין חיה שרה געװעזען איבערגעטאָן אין א בלו׳ע, ליוסטרינענע קליידעל מיט קעסטעלאך, אין א װייסען פארטוך און אין א נייעם שייטעל. זיא איז געװען ארומגעװאַשען און האָט אויסגעקוקט מעשה מחותנת׳טע, נור דער נעזעל איהרער האָט געגלאַנצט.

— דוא גייסט שוין אװעק, סיימאָנקע, האט זיא זיך געװענדעט צו איהם מיט א חניפה׳שען טאָן, דערזעהענדיג איהם מיט חוה׳ן נעבען טיהר.—לאָז זיך ניט בעטען היינט אי״ה אויף תנאים. חוה האָט א קוק געטאָן אויף סיימאָנען און סיימאָן אויף איהר און זייביידע האָבען זיך פאנאנדערגעלאַכט.

— אויב איך װעל זיך נור ניט פארגעסען, האט ער געזאָגט מיט א זיעסען שמייכעל. דערװייל גוד באַי, גרויט אָן עפּעס גוטען כיבוד. ער איז ארויס, א דריקמאַענדיג נאָך א מאָל חוה׳ס האנד.

דיא מאמע מיט דיא טאָכטער זיינען געבליבען שטעהן א װיילע נעבען טהיר.ביידענס פּנים׳ער האָבען געשטראַהלט פון גליק, פון הרחבה.

חוה האָט א קוק געטאָן מיט גוטע, װארעמע אויגען אויף איהר מאמען. פּלוצים האָט זיא אָנגעכאַפּט חיה שרה׳ס ביידע הענד און דריקענדיג זיי פעסט, האָט זיא אויסגעשריען מיט א ליידענשאַפטליכען קול:

— אָי, מאמע, מאמע, מאמע!

חיה שרה האָט פערשטאַנען, װאָס חוה האָט נאָך געװאָלט איהר זאָגען, האָט איהר א קוס געטאָן און האָט גענומען כליפּען.

— א מאָנארכע, חוה׳לע, האָט זיא געכליפּעט, א מיניסטער, א פּארשוין, אז קיין בייז אויג זאָל איהם ניט שאדען, גוטער גאָט! שיינט װיא דיא זיעבען זונען, װיא דיא זי -ע—בע—ן זו—נ....פּבע, פּבע, האָט זיא געכליפּעט און האָט אין דיא זעלבע צייט פּארקרימט איהרע ליפּען װיא מיט א שמייכעל....

אין א מינוט צעהן ארום האָט חוה מיט איהר מאמען געשייערט דיא מעסער, גאָבּעל און געװאַשען דיא געשיר. עס איז געקומען אייבראַם און האָט מיט זיך געבראַכט א גלאָז װיין און א האַלבען גלאָז שנאַפּס.

דאָס איז געװען א דארער אידעל פון מיטעלען װאוקס, מיט א שװארצער

צופלאָנטערטער בערדעל, מיט פּאות'ן, וואָס זיינען געווען פארלויגט אהינטער דיא אויערן, מיט שוואכע, קראנקע אויגען, וואָס האָבען געטרערענט פון לאנג ארבייטען ביי דער מאשין, אין א קורצען אלטען רעקעל און אין א שטרויענע העט מיט אָפּע־נע שפּאלטען ארום דיא ברעגען. ער איז געגאנגען אביסעל איינגעהויקערט.

— אוף, האט ער ארויסגעלאָזען א קול, אָפּכאָפּענדיג דעם אטהעם און ווי־שענדיג מיט דיא לייגג פּוג'ם ארבעל דיא שוויס פון שטערן. — פארמאטערט.... געווען ביי אלעמען, געבעטען זיי אויף תנאים.

ער האָט זיך געזעצט אויף א שטול נעבען טיש געגען חיה שרהן און חוהן, וועלכע זיינען געשטאנען נעבען אויוועלע מיט געשיר אין דיא הענד, האָט אראָבגע־נומען דיא העט פון קאָפּ און האלטענדיג זיא אין דיא הענד האָט ער פאָרטגעזעצט:

— אי מאָטקע באס, אי מייקעל קוואס אי לייזער האריאָפּ האָבען צוגעזאָגט. מען האָט זיי געמוזט רופען: פון איין שאפּ ארבייטער. א דאגה, לאָזען זיין מעהר מענשען, ביי חוה'לען אויף א ברית. ווען גאט וועט מיר באשערען, וועל איך רופען נאך מעהר מענשען.

— ביזטו אויך געווען ביי חיים דוד'ן? האט חיה שרה איהם איבערגעשלאָגען.

— געווען, וויא דען? ווייסטו וועמען איך האב דאָרטען געטראָפּען—האט ער געזאָגט מיט התפּעלות—הער, נאר, דוא וועסט משוגע ווערען, ס'רא אקטען עס טהוט זיך אָפּ דאָ אין אמעריקא. ווייסט דאך, אז מיין ברודער זלמנס א טאָכטער, דברה'לע, האט געוואוינט אין באלטימאָרע. היינט האָב איך זיא געטראָפען ביי חיים דודן. זיא איז שוין דאָ מעהר אז א וואָך מיט א אינגעלע 5 יאהר אלט, זכמן רופט מען איהם, נאך מיין ברודער א נאמען. א ביטערע הארץ געבעך: דער מאן האט זיא מיט עטליכע חדשים צוריק געוואָרפען און איז אוועק. איצטער זוכט זיא איהם נעבעך אין דער וועלט.... קוים זיך ביי איהר איינגעבעטען, אז זיא זאל אויך קומען היינט אויף תנאים. א רחמנות נעבעך, א צער צו קוקען, פערשרפה'ט זאל ער דארטען ווערען, וואו ער איז....

— אי, אי, וואס א ממזר קאן! האט אויסגעשריען חייה שרה — זאל דיך דארטען, גוטער גאט, עפּעס א דונער איינשלאגען, אזא הרוג נפש; אז א צעהן־יאהריגע קדחת זאל דיך ווארפען פון איין ארט אויף דעם אנדערן, שטארקער גאט, וויא דוא האסט זיא נעבעך געווארפען.

חוה האט זיך צוגעהערט צו דעם און עפּעס א דונקעלער, אונמוטהיגער גע־פיהל, צו אוים רחמנות אויף איהר אונגליקליכע קרובה אדער צו פון עפּעס אנדערש האט זיא געגומען מוטשען....

III.

דער ענגער צימער ביי אייבראם'ן, וועלכער איז געוועזן אי א קיטשען, אי א פראנט רום, איז געוועזן פול געפאקט מיט געסט.

עס זיינען שוין דא געוועזן אלע, וועלכע אייבראם האט איינגעלאדען אויף חוה'ס תנאים, נור איין חיים דוד, אייבראם'ס ברודער, האט נאך געפעהלט. צוויי געז ברענערס האבען געברענט און אין צימער איז געוועזן העל און ליכטיג.

אויפ'ן טיש זיינען געשטאנען עטליכע גראפינעס מיט ברענדי און וויין. עט־ליכע טעלער מיט געמאנירטע הערינג, זויערע אוגערקעס און צוהאקטע לעבער. די תנאים האט מען נאך ניט געשריבען, ווייל אייבראם האט געווארט נאך אויף חיים דודן.

דער פארקליבענער עולם האט זיך דערווייל משמוח געוועזן און גענומען צו בישינקעס. עס זיינען דא געוועזען עלטערע אידען, איינגערע און עטליכע ווייבער. אידען מיט געלע בערד, אידען מיט שווארצע בערד, אידען מיט לאנגע בערד און אידען מיט געגאלטע בערד. אידען מיט לאנגע נעז און אידען מיט קירצערע נעז, אידען פרייליכע און שרייערס, אידען אונמוטהיגע און שוויינערס, אבער די אלע אידען זיינען געוועזען גליכע קבצנים'לעך, גלייכע דלפנים'לעך,—אידען ארבייטער...

די לופט אין צימער איז געוועזן געפרעסט: עס האט זיך געפיהלט שוויס און עס האט געשטיקט.

ביים טיש אויבען אן איז געזעסען חוה אין א ווייסער קלייד, וועלכע זיא האט עקסטרא געמאכט פאר איהרע תנאים, [מיט א רויטער בלום אויף איהר איינגעפא־קענער ברוסט. נעבען איהר איז געזעסען סיימאן מיט א נייעם זיידענעם האלזטוך אונטערן קראגען אויף זיין ווייסער העמד. חוה'ס אויגען האבען געשטראהלט פון גליק. זיא איז געזעסען, האט געשוויגען און דאס הארץ אין איהר ברוסט איז גע־וועזן אזוי פול מיט פרייד און שטאָלץ....

סיימאן האט אויך אויסגעקוקט גליקליך. זיין אייביגער זיסער שמייכעל האט געשפיעלט ביי איהם אויף די ליפען.

חיה שרה, אויסגעפוצט אין א ווייסען פארטוך, אין א נייעם צעפעץ מיט רויטע בלומעלעך, איז געשטאנען צווישען דעם עולם, האָט געווישט איהר גלאנצי־גען נעזעל מיט'ן פארטוך, האָט מיט הרחבה גערעדט דאָ צו דעם און דאָ צו יענעם און איז געוועזן גליקלאך, איבער גליקלאך.

אייבראָם איז געשטאנען נעבען טיש אין זיין שבת'דיגען רעקעל, מיט א נייער הוט אויפ'ן קאָפּ, האָט אָנגעגאָסען די גלעזלאך און האָט מכבד געוועזן די געסט.

— נו, קינדערלאך—האט ער גערעדט — נעהמט צו ביסינקעס, זאגט לחיים. חיים דוד וועט קומען וועלען מ ר נאך פערבעסערען. לייזער! — האט ער זיך גע־ווענדעט צו א הויכען יונגען מאן מיט א שפּיץ גער שווארצער בערדעל און מיט לע־בעדיגע, פרייליכע אויגען, וועלכער האט גערעדט מיט זיין שכן מאטקע באס, א קליינעם, געלען אידען מיט א נארישען, קאמישען פּנים, מיט א געלער צופלאנטער־טער באָרד און פאות, מיט קליינע אויגלעך, וועלכע ער פלעגט זשמורען—לייזער, ביי דיר אויף שמחות זאלען מיר טרינקען. זאג ברודערל, עפּעס א „שטיקעלע", מאך לחיים און זאג א „שטיקעלע"....

— אט טאקע, נו לייזער, אט טאקע—האט זיך ארייגעמישט מאטקע, קו־קענדיג אויף לייזער'ן וויא מיט א געבעט — עפּעס א שטיקעלע, נו, לייזער, עפּעס....

— שאט! — האט אויסגעשריען מייקעל קוואס — א ברייטער, דיקער אידעל מיט א פולען פּנים, מיט א ברייטער, שווארצער באָרד, מיט גרויסע, קיילעכדיגע אוי־גען, וואס האבען איצטער געבליסטעצעט, ווייל זייער בעל דבר האט שוין אויסגע־טרונקען א'ן איבעריגען כוס. — שאט! לייזער וועט עפּעס זאגען.

דער עולם איז שטיל געבליבען און אלע האבען גענומען קוקען אויף לייזער'ן.

לייזער האט זיך אניידערגעשטעלט, האט גענומען א גלעזעלע ברענדי אין האנד, האט פאררייסען דעם קאפּ צום באלקען, האט פארגלאצט דיא אויגען און האט גענומען זאגען מיט א ניגון פון א בדחן.

— לחיים — האט ער אנגעהויבען מיט הארץ און מיט א גאנץ אנגענעהמען קול. — לחיים, א לידעלע א נייעם לאמיר זינגען, ברידערלאך.

אט דוא ביזט מאטקע באס און ער איז מייקעל קוואס, וועלען מיר זאגען לחיים, אי וועה, אי וועה, פאר א גוטען לעבען א נייעם.

אז דיא מאשינעלע זאל זיך דרעהען און דיא נאדעלע זאל נייהען העמדעלאך פיעל אי, וועה אי, וועה העמדעלאך פיעל....

און דיא פיסעלעך זאלען געזונד זיין, און דער באס זאל גוט און פיין זיין, אי וועה, אי וועה, צו זיינע ארבייטער זיין.... און ווען מען וועט דארפען געבען רענט, זאל ניט פעהלען דער סענט, און מען זאל ניט ליידען קיין נויטה, אי וועה, טאטע פאטעריל, קיין נויט, קיין נויט פון א שטיקעלע ברויט. און דיא ווייב מיט איהר צונג זאל ניט נעהמען דעם לונג, און אונזערע קינדערלאך זאלען געזונד זיין. לחיים, לחיים, ברידערלאך מיין....

— בראוואָ, לייזער! האט מען גענומען שרייען פון אלע זייטען, בראוואָ!

חוה און סימאן האבען אויך שטארק אפּלאדירט.

חיה שרה מיט אנדערע ווייבער האבען געווישט דיא אויגען.

מאטקע באס איז געוועזן פשוט בעגייסטערט.

אי, נו, לייזער, האט ער געשריען — א מענש, וויא איך בין א איד, א מענש! א שטיקעלע ארויסגעבען, א שטיקעלע, איז ער א מזיק, איז ער. א קאפּ, וויא איך בין א איד, וויא איך בין, א ממזרשע, א קאפּ. אז ער וואלט ניט געוועזן קיין שוירט מעקער, וואלט ניט געווען, וואלט ער געוועזן.... וויא איך בין א איד, וויא איך בין, א גאנצער בדחן, וואלט ער. עס גיסט זיך ביי איהם, עס גיסט זיך, וויא פון א באטעל ספּירט, א באטעל....

מייקעל קוואס האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפּ און קוקענדיג אויף לייזער'ן מיט זיינע בליסצענדע שיכורע אויגען האט ער געזאגט:

— ער, ער, הויבט זיך גאר אן מיט לייזער'ן. עס איז שייכות לייזער? לייזער איז לייזער, מאטקע באס איז מאטקע באס, מייקעל קוואס איז מייקעל קוואס און אייבראם איז אייבראם. און אז ביי מייקעל קוואס איז נימא קיין ברויט אין שטוב, ווערט ער געשוואלען פאר הונגער, און אז זיין בערעלע איז קראנק געווארען, איז קיין דאקטאר ניט געווען, קיין פּעני ביי רער נשמה, און בערעלע איז געשטארבען, געשטארבען. ער האט זיך אנגעשפּארט מיט'ן שטערן אן טיש און האט גענומען שלוכצען.

— שא, קינדער, האט געזאגט אייבראם—צו וואס האט איהר זיך גענומען? זאגט לחיים, און לעבעדיגער.

— נו, מייקעל, האט לייזער אויסגעשריען — לחיים פיר א בערעלע א נייעם.

מייקעל האט אויפגעהויבען דעם קאפּ און, אנקוקענדיג לייזער'ן מיט אויגען, וואס זיינען געווען פערצויגען מיט טרערען, האט ער געזאגט:

— גענוג, גענוג, איך האב שוין געזאגט מיין ווייב. זעקס קינדערלאך האב איך שוין, לאז זיין גענוג. בערעלע איז געווען דער געראטענסטער און איז געשטארבען.

— ברוך דין אמת, ברוך! האט אויסגעשריען מאטקע — ער האט זיך דערמאנט אז בערעלע, איז געשטארבען, בערעלע א טייערע משקה, א טייערע. פון מיינטוועגען מעג מיין ארורה שטארבען, פון מיינטוועגען. זיא מאכט מיר דעם טויט, מאכט זיא. איך זאל איהר מעהר פארדינען, מעהר. אז איך קען ניט, אז איך.

און מאטקע האט גענומען ריידען אויך וועגען זיין „פּעקעלי".

אין דער צייט איז געקומען חיים דוד. ער איז געוועזן זעהר עהנליך צו אייבראם'ן, נור מיט געזונדע אויגען. מיט איהם איז געקומען זיין פּלימעניצע דבורה'לע — א

הויכע, דארע פרוי מיט א בלאסען פנים, אנגעטאן אין א שווארצער אלטער קליידעל און אין א'ן אפגעקראכענעם העלען זומערדיגען מאנטעל. זיא האט געפיהרט פאר'ן האנד א בלייכינקען איינגעלע מיט בלויע אויגען, וועלכער איז געווען אנגעטאן אין א נייעם בלויען, סיטצעווען קאסטיום.

אייבראם מיט חיה שרה'ן זיינען זיי ארויסגעלאפען אנטקעגען. חיה שרה האט זיך ארומגעכאפט קוסען מיט דברה'לען. חוה איז אויך אויפגעשטאנען פון טיש און איז ארויס צו זיי.... איינגע פון דיא געסט האבען גענומען שרייען צו חיים דוד'ן „שקאצעל קומט". מאטקע און לייזער האבען גענומען צו קעלעשעקעס בראנפען און זיינען ארויס געגען חיים דוד'ן.

דער התן איז געווען טיעף פארטאן אין א געשפרעך מיט א יונגען מאן, וואס איז געזעסען נאהענט נעבען איהם, און האט גאר נישט בעמערקט.

חיים דוד, דברה'לע, אייבראם, חיה שרה, חוה און דיא אנדערע זיינען געבליבען א ווייל שטעהן נעבען טהיר. דער איינגעלע האט ארייגעשפארט א פינגערל אין מויל און איז ניט סמיעלע ארייַן אין צימער צו דיא געסט. ער האט גענומען קוקען אויפ'ן עולם. פלוצים האט ער א קוק געטאן אויף סיימאנען, האט ברייט אויסגעשצירעט זיינע בלויענקע אויגעלעך און האט שטיל א געשריי געטאן. דברה'לע איז ערשראקען צו איהם צוגעלאפען. ביים קינד איז געשטאנען טרערען אין דיא אויגען; ער האט א כאפ געטאן זיין מוטער פאר'ן האנד און האט מיט געוויין אויסגעשריען: מאמע, פאפע איז אט! ער האט אנגעצייגט מיט'ן פינגער אויף סיימאנען. דברה'לע האט א ציטער געטאן, האט א קוק געטאן אויף סיימאנען און איז געבליבען שטעהן מיט וויט אויסגעגלאצטע אויגען, מיט א'ן אפענעם מויל, ציטערענדיג מיט דעם גאנצען קערפער.

דערהערענדיג דעם קינד'ס קול, האט סיימאן זיך א כאפ געטאן, האט א קוק געטאן פון וויטען אויפ'ן קינד, אויף זיין מוטער און איז געבליבען זיצען וויא א פאראלאזירטער, בלאס וויא דער טויט.

— ראטעוועט—האט דיא פרוי אויסגעשריען ניט מיט איהר קול, אויסשטרעקענדיג איהרע הענד—ראטעוועט, ברידערלאך, דאס איז מיין מערדער, דאס איז מיין נחום!

סיימאן האט זיך א כאפ געטאן פון ארט, האט זיך צו געשפארט צום וואנד און קוקענדיג ארום זיך צושראקען מיט גרויסע אויגען, האט ער געציטערט וויא פון א קדחת.

עס איז געווארען א ליארם, א געשריי, אלע זיינען אויפגעשפרונגען פון זייערע ערטער ערשראקענע.

— וואס איז דאס ? האבען אויסגעשריען אייבראם, חיה שרה און חוה און חיים דוד אין איין קול, צולויפענדיג צו איהר. דא אבער האבען זיי דערזעהן סיימא־נען, זיין פנים, זיין ציטערן, זיין דריקען זיך אין וואנד, אזוי וויא ער וואלט זיך וועלען דורכשפארען דורך איהר, און זיי האבען אלץ פערשטאנען.

— ניין, האט אויסגעשריען אייבראם מיט א ציטערענדען קול און דיא הענד האבען זיך גענומען ביי איהם טרייסלען. ניין, דוא מוזט, דבורה׳כע, האבען א טעות.

— טאכטערקע, האט גענומען קלאגען חיה שרה — דאס איז דאך ניט „דיי־נער״, מאך אונז ניט אונגליקליך. האב רחמנות.

— ער, ער ! איהר זעהט ניט וויא ער ציטערט — האט געשריען דבורה׳לע— אי, ממזר, ארייגעפאלען, א ? האט זיא גענומען צו איהם שרייען.

חוה האט פון אנפאנגס גאר נישט פערשטאנען, באלד אבער איז איהר אלץ קלאהר געווארען. אין דיא אויגען איז איהר פינסטער געווארען ; עס האט זיך איהר גענומען דאכטען, אז זיא וויגט זיך און מיט איהר וויגט זיך דיא גאנצע הויז, דיא פאדלאגע, דער טיש, דיא וועגט, דיא מענשען....

זיא האט זיך אנגעכאפט אן א שטול און איז געבליבען שטעהן וויא א פער־גליווערטע, קוקענדיג מיט גרויסע צושראקענע אויגען אויף סיימאנען.

פלוצים איז דער בלייבינקער אינגעלע צוגעלאפען מיט א געוויין צו סיימאנען: „פאפא, פאפא״.

סיימאנס ליפען האבען גענומען ציטערן, דיא אויגען פינטלען, ער האט אויס־געשטרעקט זיינע הענד צום קינד און ארומכאפענדיג איהם, האט ער זיך צוגעבוי־גען צו איהם און האט זיך ליידענשאפטליך פאנאנדער געקלאגט : זלמנקע, זלמנקע!......

— אי ! האט אויסגעשריען חוה און איז געפאלען אויפ׳ן פאדלאגע אין חלשות.

— אי ! האט געוויינט חיה שרה.

ווער איז מיר, האט געקלאגט אייבראם......

September —97

New York.

פאר וואס בעריל האט געמופט.

דער טאָג איז געווען זעהר א הייסער, א שטיקענדער, און דיא ארבייטער האָבען געשוויצט ביי זייער ארבייט, דעריבער איז קיין וואונדער ניט, אז פאר נאכט נאָך דער ארבייט האָט יעדער פון זיי זיך געזוכט אָבצוקיהלען יעדער נאָך זיין מעגליכקייט נאָך.

אייניגע האָבען זיך געמינטערט מיט קאַלטע סאָדא-וואסער, אנדערע — מיט קאַלטע שטיקער קאווענע און ווידער אנדערע, וואָס האָבען זיך ניט געקענט פערגינען אזעלכע „וואוילטאָגען", האָבען זיך בענוגענט מיט מים חיים פונ'ם קראַן, צו־מישט מיט א ברעקעלע אייז......

דיא יונגע טעכטער פון ארבייטער קווארטאל האָבען זיך אויך געמינטערט אויף זייער שטייגער: זיי האָבען געשפּאצירט איבער גרענד סטריט און איבער איסט בראָדוויי מיט פּאַפּירענע פאָכערס, אויף וועלכע מיט גרויסע אידישע בוכשטאבען זיינען געווען אָפּגעדרוקט אלערליי „מציאות" פון „בעריהמטע" ביזנעס לייט פון חזיר־מארק, האָבען זיך געפאָכט און האָבען זיך זיך דורכגעוואָרפען מיט ווארעמע, זאנפטע בליקען מיט דיא בעקאַנטע „דזשעקס" און „סיימאָנס"......

דיא עלטערע־יונגע טעכטער פון פּראָלעטאַרעווקע, ד. ה. דיא מיידלאָך, וואס גיבען שוין אליין צו, אז זיי זיינען עלטער פון אכטצעהן פריהלינגס, זיינען זיך געזעסען אויף דיא סטופּס פון זייערע וואוינונגען, האָבען בעטראַכט דיא פארבייגייערס און האָבען זיך געמינטערט מיט ראָזעווע חלומות......

אָבער געוואַלד געשריען, עס שטיקט, עס שטיקט, עס איז ניט אויסצוהאַלטען!.... קיינע סגולות העלפען ניט דיא איינוואוינער פון ארבייטער קווארטאַל, נעבאָך, פון דיא שרעקליכע שטיקענעס — ניט קיין קאַלטע וואסער און ניט קיין קאווענע, ניט קיין ווארעמע בליקען און ניט קיין ראָזעווע חלומות! עס פעהלט לופט א ביסינקע, אוי, א ביסינקע פרישע, קיהלענדע לופט......

* *

דיא שכנים פון טאפּ פלאָאר פון א טענעמענט הויז אין נאָרפאָלק סטריט האָבען יעדע נאכט געזוכט פרישע לופט אויפ'ן „רוף" פון דער טענעמענט-הויז און האָבען דאָרטען געשלאָפען אונטערן פרייען הימעל.

ארום פונפצעהן שכנים מיט זייער „ביסעל בלוט“, מיט זייערע ווייבער און קינדער — אי אינגלאך, אי מיידלאך — און מיט זייערע באָרדערס און באָרדערקעס פ־ענגען שלאָפען אויף דעם „רוף“ — אלע אין איינעם.

ארום עלף א זייגער ביי נאכט, ווען דער עולם פלעגט אָנפילען פול דיא קיש־קעס מיט וואסער און מיט קאוועגע, פלעגט אין האָל וואָס איז געווען בעלויכטען מיט א פּאָאר גאז ברענערס, זיך אויפהויבען א געוואלדיגער געפּילדער, א הו־הא צום טויב ווערען.

דיא טהירען פון דיא שכנים פלעגען זיך אויפעפענען און פון דאָרטען פלעגען ארויסלויפען פרויען, קינדער און מענער, ווער מיט א קישען, ווער מיט א מאַטראַץ און ווער מיט א לילעך.

דיא קינדער פלעגען ארויסלויפען אין איינע העמדעלעך; דיא מענער—אנדע־רע אויסגעטאָנענע אין ווייסע אונטער־הויזען און אנדערע — אויסטאָענדיג פון זיך דיא קליידער אין גאנג. דיא פרויען— אנדערע איינגעוויקעלט אין ווייסע לאַנגע ליי־לעכער און אנדערע — מיט נאקעטע אָרעמס און אין היימישע העמדער, טיעף אויסגעשניטענע ביים האלז. זיי אלע פלעגען לויפען אויפ׳ן „רוף“ שלאָפען און אָט־העמען דיא, אומשטיינס געזאָגט, פרישע, קיהלענדע לופט פון נאָרפאלק סטריט...

א פערשיעדענעם זשארגאָן האָט מען דאָן דאָרט געקענט הערען — אי א ריין ליטווישען, אי א פוילישען, אי אויך א׳ן אמעריקאניזירטען זשארגאָן, א געוויין פון קינדער, א געשריי פון ווייבער, א ליטווישע „כאָלערא“, א אונגארישע „מיישע מאשינע“ (מיתה משונה) א פוילישער „א רוח אין דיין טאטענס טאטען אריין“ און א׳ן אמעריקאניזירטער „גאָ־דע־העל“ פלעגען זיך צומישען אין איין רוישענדע מישענינע......

אנדערע מענער פלעגען זיך אויך ערלויבען צו וויצלען איבער דיא יונגע שכונהטעס.

— מיסעס,—שרייט מאקס דער קעפּמעקער, א יונגער מאן אין אונטערהויזען מיט א קישען אין דיא הענד, צו א יונגע פרוי, אן ארומגעדרייטע פון קאָפּ ביז דיא פיס אין א ליילעך, וואס גייט פאר איהם צום „רוף“ — מיסעס, זעהט, איהר האט עפּעס פערלאָרען?......

— הויבט עס אויף, באָמער, ענטפערט זיא איהם מיט א פריינדליכען טאָן און טהוט א קוק שעלמיש אויף איהם מיט איהרע שווארצע אויגען.

— אָנעסט, — כאפּט אונטער דזשעק דער קלאוק מעקער, אן אמעריקאני־

זירטער באָרדער, וואָס שטייט איין מיט מאַקסען ביי איין מיסעס, וואַנדערנדיג זיך צו דער זעלבער ווייבעל, — אָנעסט, מיסעס, פון לייכעך זעהט זיך, יו נאָ....

אין דער צייט קומט אונטער בערל דער העמדען־נייהער, א בלאַסער יונגער מאַן פון עטליכע און צוואַנציג יאָהר אַלט, דיא ווייבעלס מאַן, שלעפּענדיג קישענס אין דיא הענד.

ער איז זייט 6 מאָנאַט פאַרהייראַטענז מיט דער ווייבעל; ליעבט זיא ליידענשאַפטליך און איז זעהר „פאַרזיכטיג", וויא מען רופט אָן אין העסטער סטריט אייפערזיכטיג, צו איהר..... ער האָט פיינט דזשעקען מיט מאַקסען פיר זייער צופיעל מחותנה'שאפט מיט זיין חוה'ן* ווען ער דערהערט דזשעקס בעמערקונג, ווערט ער גיט אויף צופלייסען אין כעס און הויבט אָן צו שרייען צו זיין ווייבעל: „חוה, חוה, הער איהם ניט — גיי!"

— וואָס מאַכסטו פאַר א „מאָנקי ביזנעס", פאַרך? — פאַלט ער ב. לד אָן אויף דזשעקען.

— וואַט דו יו וואָנט? ענטפערט איהם גלייך דזשעק.—גאָ דע העל!

— דוא גאָ דע העל, פאַרך איינער, שרייט צו.איהם בערל מיט מעהר כעס— זיינע ביזנעס צו מיין פרוי! דא איז אמעריקא, דוא זאָלסט עס האָבען גוט אין זינען, פאַרך......

און מיט דיזען ליעבלינג־וואָרט קריכען בערל מיט דער ווייב ארויף אויפ'ן „רוף"......

א ליכטיגע זומער נאַכט... דיא לבנה, א פולע, א קיילעכדיגע לבנה, שווימט איבער דעם טיעף־בלויען הימעל.... הערט איהר, וויא עס קנאַקט דער נאַכטיגאַל? וויא ער פלעגט זיינע זיסע, ליידענשאַפטליכע טרעלען? הערט איהר וויא עס רוישט דער וואַלד? וויא עס מורמעלט דיא טייכעלע?....

פיהלט איהר דעם מחיה'דיגען רוח, וואָס צוגיעסט זיך אין דער ריינער לופט פון דיא הויבע, גרינע בוימער, פון דיא שיינע, בליהענדע בלומען און פון דיא ניעדריגע, וואַרעמע גרעזעלאַך! ?...... אהה, ניין, אויפ'ן „רוף" אין נאָרפאָלק סטריט חלומט זיך ניט אפילו וועגען אזעלכע גליקען!....

אוי, עס שטיקט, גוואַלד, עס שטיקט! דער רוח פון צופוילטע פיש, אויבסען און פלייש שוועבט אין דער געפרעסטער, הייסער לופט....

אויפ'ן „רוף" הערט זיך אָן אַכצען, א זיפצען, א געמורמעל פון האַלבע ווערטער און א קרעכצען פון גאַנצע ווערטער. „מאַמעלע, עס שטיקט", „טאַטעלע— פאַטערל—ס'רא היטץ!" און ז. וו. זעלטען שלאָפט ווער געשמאַק....

דיא קיילעכדיגע, זילבערנע לבנה קוקט אראב גאנץ גלייכגילטיג אויף דיא אָרעמע, צומוטשעטע מענשען און גיסט אויף זיי איהר מאטע ליכט, גראדע אזוי, וויא זיא וואָלט געגאָסען איהר ליכט אין א שמעקענדען גאָרטען, אויף בליהענדע בלומען....

איבערן גאנצען „רוף" וואלגערען זיך מענשען איינע נעבען דיא אנדערע, ווער צוגעדעקט מיט א ליילעך און ווער אזוי....

דאָרט ליעגט א מאַן אויפ'ן רוקען, מיט'ן פּנים ארויף און מיט צושפּרייטע באָרפוסע פיס. אין זיינע ווייסער נאכט-העמד און אונטערהויזען, וואָלט מען איהם געקענט אָננעהמען פאר א מת, ווען ער וואָלט זיך יעדע מינוט ניט ארומגעוואָרפען פון איין זייט אויפ'ן צווייטען און וואָלט ניט געאָכצעט.

דאָרטען ליעגט א פרוי מיט'ן רוקען ארויף, דיא ליילעך איז פערשליידערט אָן א זייט, דיא נאכט-העמד איז פארקאַשערט ארוף און עס זעהט זיך ארויס דיא נאקעטע לייב.... נעבען איהר ליעגען צוויי קינדערלאך אויף צו־וואָרפען; ווייטער א ביסעל ליעגט א מאן מיט'ן פּנים אריינגעגראָבען אין קישען.... ניט ווייט פון מאקסען און דזשעקען ליעגט אויף בערל־דער־העמדען־נייהער מיט זיין ווייבעל.

דזשעק שלאָפט ניט. ער זיצט נעבען מאקסען, וואס ליעגט מיט'ן רוקען ארויף, זיצט מיט צושפּרייטע הענד איבער דיא קניע, מיט'ן פּנים צו בערלען און אייקעט און שילט דיא היץ.

בערל שלאָפט אויך ניט, ערשטענס, ווייל עס שטיקט און, צווייטענס, ווייל דזשעק שלאָפט ניט.... ער טהוט א קוק איבערן ליילעך און זעהט, אויב זיין ווײַ־בעל, וואָס שלאָפט אין דער צייט אויף א זייט, מיטן פּנים צו איהם, איז גוט צוגע־דעקט...... דער געדאנק, אז זיין חיה קען נאָך פון שלאָף אראָפּוואָרפען פון זיך דיא ליילעך און דזשעק קען נאָך כאַפּען א קוק, מאטערט איהם און לאָזט איהם ניט שלאָפען......

ער בעט זיך ביי איהר יעדע נאכט צו בלייבען שלאָפען אין דיא רומס, אָבער זיא זאָגט, אז זיא קען ניט, אז זיא וועט דערשטיקט ווערן. בערל גיט נאָך זיין חוה'ן — ער ליבט דאך איהר אזוי! און דא זיצט דער „באָמער" — קיין אנדער נא־מען האט בערל ניט פיר דזשעקען אין זיינע געדאנקען — און קוקט און ווערט צו־פּלאצט קוקענדיג, וויא אזוי זאל בערל קענען איינשלאָפען!....

— אוף — מאכט דזשעק — גאָד־דעמעט, ס'רא היטץ! און ווישט זיך מיט'ן האנד דעם שטערן. בערלען דאכט זיך, אז דאס מאכט אלץ דזשעק „מאנקי ביזנעס", מיט א כיוון, בכדי צו רייצען איהם, בערלען; אז דזשעק פערשטייט אין דער אמת'ן,

פאר וואס בערל שלאפט ניט, און ער טהוט עס איהם אלץ צו להכעיס, און ער ווערט בייז אויף דזשעקען, אז ער וואלט איהם דאכט זיך, צוריסען, וויא א הערינג. אויפ'ן כוף קען בערעל שוין נים אויסהאלטען און ווענדעט זיך בזה הלשון צו דזשעקען:

— וואס לאזסטו ניט שלאפען, פארך? ער „דעמקעט" !

— וואט דא העל יו וואנט, מאנקי? פרעגט שוין דזשעק פון זיין זייט בערלען.

קיין ערגערע זאך קען מען ניט טאן בערלען, וויא צו זאגען איהם „מאנקי", ווען זיין חיה איז דערביי.... איהם האט באלד פערדראסען. וואס ער האט זיך גאר אנגעהויבען מיט'ן „באמער", ער האט א קוק געטאן אויב חוה שלאפט און האט זיך נאכדעם געווענדעט צו דזשעקען מיט א מעהר רוהיגען קול:

— מען דארף דאך פארשטיין, אז מען ארבייט א גאנצען טאג, וויל מען זיך אויסרוהען....

— גא דא העל! האט איהם קורץ אונטערבראכען דזשעק און האט זיך געלייגט שלאפען....

בערל אבער האט נאך איצטער אויך ניט געקענט איינשלאפען. ער האט גענומען אין הארצען חושד זיין דזשעקען, אז יענער האט זיך געלייגט מיט א כיון, בכדי ער זאל זיך בערוהיגען און איינשלאפען, און יעמאלט וועט ער שוין קענען קו־קען, וויפיעל דאס הארץ געלוסט.... און ער האט זיך געסטארעט נים איינצושלא־פען. אבער מארפיי, דער גאט פון שלאף, האט מיט גוואלד באלד ארייננענומען בערלען אין זיינע מעכטיגע ארעמס — בערל איז אנשלאפען געווארען....

* * *

עס איז געוועזען שוין גרויסער טאג, ווען בערל האט געעפענט דיא אויגען. ער האט א קוק געטאן נעבען זיך און.... דיא ווייבעל זיינע איז געלעגען נים צוגי־דעקט, דיא ליילעך איז געלעגען אונטער איהר.... ער האט אינסטינקטיוו א קוק געטאן אויף דזשעקען און יענער איז געלעגען מיט'ן פנים אויפ'ן קישען און מיט אפענע אויגען אראבגעקוקט אויף חוה'ן....

בערל האט שנעל אריםגעטאן דיא ליילעך פון אונטער זיין פרוי, האט זיא צוגעדעקט און מיט אונרוהיגע אויגען האט ער גענומען קוקען אויף דזשעקען און ווייטער ארום....

ארום האט מען נאך געשלאפען. עס האט אויסגעזעה'ן, וויא א פלאץ, אויף וועלכען עס ליגען מתים, מתים אין ווייסע תכריכים; אייניגע אויסגעצויגען אויפ'ן

רוקען מיט אָפענע מיילער, אנדערע צוזאמענגעקאָרטשעטע און אַנדערע צרוואָר־פענע קינדערלאַך צוזאמענגעדרעהטע, וויא קלומקעס, ווייבער מיט נאקעטע לייבער....

בערל האט ווידער א קוק געטאן אויף דזשיקען — יענער איז שוין געלעגען מיט צוגעמאכטע אויגען.

דער געדאנק, אז דער „באָמער" האט געזעהן דיא לייב פון זיין פרוי, האט איהם שטארק געמוטשעט; ער האָט זיך געפיהלט בעליידיגט, טיעף בעליידיגט, און מערקווירדיג! דאס האט אין איהם ערוועקט דיא ליידענשאפט צו זיין חוה'ן....

ער האט א קוק געטאן ווידער אין דזשעק'ס זייט. דזשעק איז געלעגען מיט צוגע מאכטע אויגען. אבער זיין חבר מאקס האט ניט געשלאָפען און האט הויך אויפ'ן קול גענענעצט....

בערל איז נאָך שטארקער אויפגערעגט געוואָרען. שלאָפט דער, שלאָפט יע־נער ניט; שלאָפט יענער, שלאפט דער ניט — א'ן אומגליק און גאר! האט בערל זיך געטראכט. און דא איז איהם ארויפגעקומען אויפ'ן מוח אן אנדער געדאנק — ער וועט אויפוועקען חוה'ן און וועט מיט איהר אראפגיין אין דיא רומס....

— חוה'לע — האט ער זיא געוועקט מיט א שטילען, צערטליכען קול, גלע־טענדיג איהרע פולע, ווייסע באקען.

— וואס? האט זיא ארויסגעמורמעלט פון שלאף און האט זיך אומגעקעהרט צו איהם מיט'ן רוקען און איז ווידער אנשוויגען געוואָרען. ער האט זיא א גלעט גע־טאן פאר'ן ווייסען האלז, וואס איז פון אויבען געווען בעוואקסען מיט ווייסינקע הערעלאך.

— חוה'לע, חוה'לע!....

— מ—מ—מ.... האט זיא געמורמעלט.

— חוה'לע, שטעה אויף מיין לעבען.

— דוא ביזט עס, בערל? האט זיא געפרעגט פון שלאף.

— איך, איך, הום, ווער דען זשע?....

איהם האט איהר לעצטע פראגע א שטאך געטאן אין הארצען. ער האט זיך דערמאנט אן דזשעקען, אן מאקסען, אן דיא „באָמערס", וואס האבען געריסען דיא אויגען אויף זיין חוה'לען....

— חוה, — זיין קול האט געקלונגען שוין ניט אזוי צערטליך, וויא פריהער,— שטעה אויף.

— וויפיעל איז דער זייגער, בערל?

— שוין צייט, שוין צייט, שטעה אויף!

זיא האט זיך אומגעקעהרט צו איהם מיט׳ן פנים, האט זיך געזעצט און האט א קוק געטאן ארום זיך און ווען זיא האט דערזעהן, אז אלע שלאפען נאך, האט זיא זיך ווידער געלייגט און האט ארויסגערעדט:

— בערל, עס איז נאך אזוי פריה.

— עס איז טאקי פריה, אָבער....

— וואס, בערל?

— מיר ברעכען דיא ביינער חוה, — האט ג׳נפונען א תירוץ בערל.

— דיא ביינער! וויא קומט עס, בערל?

— א לופט הפנים, חוה׳לע... קום אראָב.

— קום נו! — מאכט זיא, און פערשלאָפען קייקעלט זיא זיך איין אין ליילעך און שמועלט זיך אויף דיא פיס. בערל נעהמט דיא בעט-געוואנט און זיי הויבען אן צו גיין.

— מיסטער, שרייט זיי נאך מאקס, זעצענדיג זיך. — וואס הייכט איהר זיך אויפצושטעהן אזוי פריה?

— דאס איז ניט דיינע ביזנעס, פארך! ענטפערט איהם בערל מיט הארץ. אין א האלבע שטונדע ארום האבען מאן און פרוי שוין געשלאפען אין זייערע רומס....

— חוה׳לע, מאכט בערל צו זיין ווייבעל, איידער ער איז אוועק צו דיא אר־בייט.—ווייסטו איך וועל היינט זעהן רומס. עס איז אונמעגליך צו וואוינען דא מיט דיא באמערס. וואס זאגסטו א?

— איך זאג אויך, בערל, אז ווען זאל זיך עפעס מאכען א לייטעשע דירה מיט לייטעשע שכנים, וואלט מען געדארפט מופען....

* * *

אין דעם זעלבען אבענד איז בערל געקומען מיט א שמחה א היים.

— חוה׳לע האט ער אויסגעשריען, איך האב געקראגען רומס—א פערגיניגען ממש. אין לודלאוו סטריט.

א טאפ פלאר, ווייסטו, און דער „רוף״ איז נאך פיעל גרעסער, וויא דער. מיר וועלען נאך מופען היינטיגען דאנערסטאג — א טאג פאר אונזער מאנאט. לא־זען זיך היינגען דא דיא באמערס, מאקס מיט דזשעקען!....

May —97

New York.

א יאהר נאך דער חתונה.

אכט אוהר אבענדס. דזשעק, א בלאסער יונגער מאן מיט א פּאָאר דינע שווארצינקע וואָנצעס, זיצט אין א שווארצען פלאנעלענעם ארבייטער־העמד, פער־שפּיעלעט ביים האלז מ׳ט גרויסע, ווייסע מוטערפּערלנע קנעפּ אָך, דיא ארבעל הויך אונטערגעקאשערט. ער האלט דיא פיס פארלייגט אהינטער׳ן שטול, שאָקעלט מיט דער רעכטער קניע רעכטס און לינקס און לעזט פאר זיך א צייטונג. זיין פרוי סערע, א ווייבעלע פון א יאָר 23—24, א חן׳עוודיגע ברונעטקע, מיט א פולער קיילעכדיגער טאליע, מיט גרויסע שווארצע אויגען, אין וועלכע עס בלישטשעט א פייערל, נעהמט צו פון טיש דיא געפעס מיט דיא ברעקלעך, וואס זיינען פאר־בליבען פון סאפּער־עסען, שטעלט זיי צוזאמען אין א ווינקעלע נעבע אויוועו. אויף דעם הייס־אָנגעברענטען אויוועו שטעהט א טעה קאן, קאָכט און זינגט אן איינטאָ־ניגען ניגון.

— דזשעק מאכט פלוצים סערע צו איהר מאן, ווען זיא איז שוין פארטיג גע־וואָרן מיט דעם צונעהמען פון טיש. — דזשייק, וואס שרייבען עפּעס דיא פּייפּערס?

דזשעק נעהמט ניט אראָפּ דיא אויגען פון צייטונג, טהוט א מאך מ׳ט׳ן קאָפּ, אקוראט וויא ער וואָלט וועלען זאָגען „ב׳וויי״ און לאזט ארויס א מורמעל אונטער׳ן נאָז.

— דוא הערסט ניט, דזשעק? פרעגט זיא נאך א מאָל מיט א לייכטע אויפ־רעגונג אין איהר קול, און דיא ווינקלען פון איהרע ליפּען טהוען א צוק.

ער קוקט איהר אָן מיט רוהיגע, גלייכגילטיגע אויגען און פרעגט קאלטבלוטיג: „וואס ווילסטו?״

זיא ענטפערט איהם מיט א בייסענדען טאָן, שמייכלענדיג דערביי סאר־קאסטיש:

— דוא האסט גאָר ניט געהערט? וואס איך וויל... וואס איך וויל? א גאָל־דענעם בראסלעט פון טויזענדער דאלארס וויל איך! צום אנדענקען פון אינזער ליעבע, פון אונזער האָכצייט—א יאָ, דזשעק, דוא וואָלסט דאך מיר עס געגעבען, ווען דוא וואָלסט געהאט? דוא האסט דאך מיך אזוי האָלד... דוא ווייזט דאך מיר ארויס אזוי פיעל ליעבע—א יאָ, דזשעק, א יאָ? גאָר וויא א מאָל, גאָר וויא פאר א יאָהרען.... א יאָ ניט אמת, א יאָ, א יאָ

איהר קול האט דערביי געציטערט. אין דיא אויגען האבען זיך ביי איהר געשטעלט טרערען וויא גלעזלאך. זיא האט פיעבערהאפט א פיהר געטאן מיט'ן האנד איבער איהרע שווארצע געדיכטע האאר און האט זיך געזעצט ביים טיש מיט א זייט צו איהם, אפקעהרענדיג דעם קאפ פון איהם און אנשפארענדיג זיך מיט'ן עלענבויגען אן טיש.

ער האט זיא א ווייקע אנגעקוקט; אויף זיין שטערען האט זיך אוועקגעלייגט א טיעפער פאלד; ער האט איהר נישט געענטפערט און האט ווייטער גענומען קוקען אין צייטונג.

— ער, ער, האט זיא פארטגעזעצט וויא צו זיך אליין — א שפאס ער! ער וועט קוקען מיר אין דיא אויגען, א שפרינקעלע, חס ושלום, זאל אויף מיר ניט פאלען.... ער וועט ניט וויסען, וואס מיט מיר צו טאן.... גאלד וועט ער מיר גיסען אין האלז.... און היינט!.... א רוצח דארף מען זיין, אום צו בעהאנדלען א פרוי, וויא ער בעהאנדעלט מיך.... צו פרעגט ער כאטש איינמאל, וואס איך מאך.... וויא איך פיהל זיך, אז איך בין אין אזעלכע אומשטענדען און גאט ווייס וואס מיט מיר קען נאך זיין!.... נעווער מיינד, נישקאשע ער וועט שוין קריעגען נאכדעם אן אנדערע וועמען צו מוטשען....

ער האט מיט אן אונגעדולדיגע מינע א קוק געטאן אויף איהר און האט געזאגט מיט א פערבעהאלטענע אויפרעגונג:

— האסט שוין מיך גענומען טאטשען? וואס ווילסטו זאל איך דיר טאן?

זיא האט א קעהר געטאן דעם קאפ צו איהם און מיט א ציטערענדען קול, קוקענדיג אויף איהם מיט אויגען, וואס זיינען געוועזען פארשלייערט פון טרערען, האט זיא געזאגט:

— ניט אמת, דזשעק? איך לייג, איא, דזשעק? אויפ'ן פיערטען מאנאט שוין נאך אונזער חתונה האסטו מיך ניט געלאזען זיצען אליין גאנצע נעכט אין שטוב און ביזט ניט ארומגעגאנגען שודים וויסען וואוהין?....

— איך האב אטענדעט מיינע מיטינגען אין דער יוניאן, האט ער זיא אונטערבראכען.

— אט טאקע, האט זיא געזאגט מיט ביטערקייט, איך ווייס דאך גאר ניט, וועו דיא יוניאן האט מיטינגען.... אט היינט אבענדס האט דאך מסתמא דיא יוניאן ווידער א מיטינג: דוא וועסט דאך באלד מסתמא אהין לויפען; נעכטען האט דיא יוניאן דאך אויך געהאט א מיטינג?

ער האט א ווײלע געשװיגען, קנײטשענדיג אונצופריעדען מיט'ן שטערן, נאכ־דעם האט ער געזאגט מיט א פארשטיקטען אויפרעגונג:

— נו, וואס־זשע־רען וואלסטו וועלען? אז איך זאל נאר זיצען נעבען דיר? מיר זעהען זיך, דאכט זיך, גענוג אפט. מײנסט הפּנים, אז מען האט א װײב דארף מען זיך שוין בעגראבען א לעבעדיגער אין ד'רערד! געװיס וויל איך ארויס־גיין, הײנט אויך.

זיא האט ניט געענטפערט, האט נאר טיעף א זיפץ געטאן און האט אבגע־קערט דעם קאפּ.

ער האט א־ויעקגעלײגט דיא צײטונג אן א זײט, איז אויפגעשטאנען פון ארט און האט זיך גענומען אנטאן. דער טהע־קאן האט אין דער צײט היכבענדיג גע־קאכט. סערע איז אויפגעשטאנען, האט איהם מיט כעס א שטעל געטאן אן א זײט און איז געבליבען שטיל, ניט רײדענדיג א װארט נעבען אויװען קוקענדיג ברוגז פאר זיך.

— איך װעל זיך ניט זאמען, האט דזשעק געזאגט און איז ארויס פון דעם צימער.

זיא האט איהם ניט געענטפערט און איז אלץ געשטאנען נעבען אויװען. זיא איז געװען אין דיזער מינוט אזוי פערביטערט געגען איהם און געגען דער גאנצער װעלט, אז זיא האט ניט געקענט רײדען. זיא איז בעטראגען, ער האט זיא אבגע־נארט! און פאר איהרע אויגען האט פּלוצים אפּגעלעבט א ביכד פון א יאהר צוריק... ער,—אה, ניט ער, אן אנדערער, א שײנער יונגער מאן מיט שװארצע געקרױזטע האאר, אנגעטאן עלעגאנט, — האלזט זיא און קוסט זיא, און בעט זיא: „סערע, זײ מײנע, זײ מײנע, איך קען אהן דיר ניט לעבען!“ אך, יענער דזשעק האט גע־קוקט אזוי שײן, האט געהאט א׳עלבע צוציהענדע אויגען, האט געשמײכעלט אזוי װײך, האט גערעדט אזוי גוט, האט געקענט אזוי געשמאק קוסען, האט אזוי אנ־גענעהם געקענט לאסצען, האלובען, און זיא האט זיך געפיהלט אזוי גליקליך, װע־רענדיג זײן פרוי.... גײן, דאס קען זײן דער זעלבער דזשעק, דער קאלטער, דער גלײכגילטיגער דזשעק, װאס מוטשעט איהר, לאזענדיג איהר אלײן אין שטוב גאנצע נעכט.... דיזען האט זיא ניט געליעבט, דיזען ליעבט זיא ניט, זיא האסט איהם, זיא האסט איהם איצט.... פאר װאס מוטשעט ער איהר אזוי?!

זיא האט גענומען גײן איבער'ן צימער אויפגערעגט הין און צוריק. „אין אזא צײט, װען לײטעשע מענער דערלעבען קוים צו קומען אהײם פון דער ארבײט, אום א קוק צו טאן, װאס מאכט דיא פרוי, לויפט ער ארום און לאזט מיך אלײן“....

„וואָס וועט זיין, אז מיר ווערט פּלוצים ניט גוט, און עס פאַננט זיך אָן? וואָס קען איך טאָן אליין?.... איך קען דאָך אוועקשטאַרבען"!... זיא האט א ציטער גע־טאָן; אין איהר קאָפּ איז דורכגעפלויגען א מחשבה, אז אפשר טהוט ער עס מיט א כיון, ווייל ער וויל, אז זיא זאָל שטאַרבען אבער ווארום, פאַרוואָס, וואס פיר א שלעכטס האט זיא איהם געטאָן!?

זיא האט גענומען קוקען ארום זיך מיט ווייט פאַנאַנדער־געעפענטע אויגען, אַקוראַט וויא דיא אויגען איהרע וואָלטען אויך געפרעגט דעם „ווארום".

האט ער איהר ווירקליך מיט א יאהר צוריק געליעבט? אפשר נאַרט זיא זיך אליין אָפּ? זיא איז צוגעגאַנגען צום ווינקעל, וואו עס איז געשטאַנען א נייע ביורא, האט אויפגעעפענט א שופלאָד, האט פון דאָרטען ארויסגענומען א פּעקעל בריעף, וועלכער איז געווען איבערגעבונדען מיט א רייטע זיידענע סטיינגע, איז צוגעגאַנגען צום טיש, האט זיך געזעצט און האט גענומען לייענען. זיא האט איבערגעלייענט איין בריעף, א צווייטען, א דריטען, און א רויטע פארב, טראָפּען ביי טראָפּען, האט זיך צוגאָסען איבער איהרע באַקען, איבער איהר האלז. דאַן האט זיא גענומען קיקען ארום זיך, וויא מיט פערוואונדערונג, און האט ווידער געלעזען. אזוי פיעל ליעבע און אזוי פיעל צערטליכקייט איז געווען אויסגעגאָסען אין דיזע בריעף! ניין, דאס איז ניט דער זעלבער דזשעק, וועלכען זיא קען יעצט! דיעזער ליעבט זיא ניט, דיעזער מוטשעט זיא....

פּלוצים האט אין איהר גענומען קאָכען דער כעס שטאַרקער און איהר האט זיך גענומען דוכטען, אז דזשעק האט ביי איהר עפּעס צו גענומען, וואס ער וויל איהר ניט אוועקגעבען, וואס ער קען איהר ניט אוועקגעבען, און וואס וואָלט געווען ביי איהר איצטער אזוי טייער, טייער... און זיא האט א קרעכץ געטאָן, איהר האט זיך פער־וואלט צו וועמען אויסלאָזען איהר ביטערע האַרץ... זיא מוז, זיא קען עס אין זיך ניט איינהאַלטען.... און דאָ האט זיא מיט קרעמפּפּענדע פינגער צוזאַמענגעדריקט אלע בריעף, איז האסטיג אויפגעשפּרונגען פון אָרט, איז צוגעגאַנגען צום אויווען, האט אַראָפּגעכאַפּט א דעקעל... פון דער ברענענדער לאָך האט זיך ארוק געטאַן אַרויף א רויטער בלויליכער צינגעל.... זיא האט גענומען קוקען אין דער גליהענדער לאָך און באלד האט זיא גענומען א בייגעלע פערשריבענע פאַפּיר, האט איהם א וויילע געהאַלטען אין דער הויך און האט איהם אריינגעוואָרפען אהין, און א לאַנגער רוי־טער צינגעלע האט איהם ארומגעכאַפּט און ווידער א בייגעלע און א דריטען בייגעלע, און אזוי אלע, אלע....

און זיא האט אַראָפּגעקוקט און האט געזעהען, וויא דיא רויטע צינגעלאָך

צושפרייטען זיך איבער דיא בריעף און פון דיא ווייסע בייגעלאך פאפיער ווערען ווייסענקע קופקעס אש... און דא איז איהר פּלוצים אריינגעפאלען א געדאנק, אז מיט דיא בריעף צוזאמען איז געוואָרען צו אש איהר פרייהייט, איהר יוגענד, איהר ליעבע.... און פון איהרע אויגען האבען זיך געקייקעלט גרויסע טרערען, געקיי־קעלט און געפאלען אויף דעם גליהענדען אויווען, און יעדעס מאל, ווען א טרער פלעגט אראפפאלען, פלעגט דער אז ווען מאכען: זש—ש—ש, זש—ש—ש....

15 Feb. —98 New York.

באבע באשע׳ס טערק אין סדר נאכט.

דיא באָבע באשע איז א אידענע אין טיעפע יאָהרען. איהרע זלידנעווקער לאַנדס־לייט, וואס וואוינען אין ניויאָרק, רופען זיא „באָבע“.

אין ניויאָרק איז זיא צייט דריי יאָהר און וואוינט ביי איהרער א פארהייראַ־טעטער טאָכטער.

זיא איז א קליינינצקע אידענע מיט א קליינינצקען צוקנייטשטען פּנים׳ל, גרויס וויא א געוויינליכער פויסט, מיט אַ׳ן איינגעבויגענעם רוקען.

אלע טאָג, סיי ווינטער און סיי זומער, קען מען זיא זעהן אַ׳ן אויסגעפּוצטע אין איהר שייטעל, אין איהרע היימישע ריפּסענע קלייד, מיט א סארע, דראַפּענע פּאַטשיילע אין בּרייטע פאַסען איבער דיא פּלייצעס, גייענדיג פון לודלאָוו סטריט, וואו איהר טאָכטער וואוינט, צו מאַנראָ סטריט צו.

דאָרטען, אין מאַנראָ סטריט, נעבען א טאבאַק־קראָם, איז ארויסגעשטעלט א געגער אין א רויטער, טערקישער היטעל, דיא באָבע גייט צו ביז׳ן „טערק“, דאן ציילט זיא אָפּ צוויי טיהרען פון צוויי טענעמענט הייזער און גייט אריין אין דער דריטער טענעמענט־הויז, אויפ׳ן צווייטען פלאָאָר.

דאָ וואוינט אין צוויי צימער׳ן דער אלטער ר׳ ברוך—איהרער א לאנדסמאַן. דיא באָבע באשע גייט צו זיין פרוי עטעל, אויך אזא אלטינקע וויא זיא. פאר עטעל גיסט אויס דיא באבע איהר פארוויינטגטע הארץ.

„דיא קינדער זיינען ניט פרום.... פערשלעפּט דיא צובראָכענע ביינער אין כף הקלע ניט דאָ געדאַכט“....

— אי עטעל—פלעגט זיך קלאָגען דיא באָבע באַשע פאר איהר לאנדס-פרוי— זאָל ער מיך ניט שטראָפען פאר דיא רייד—א גרויל, א גרויל, וואָס־רא יסורים, ניט פאר קיין אידען געדאכט, איך טראָג אין הארצען! נעבאי וואָלט איך דאָרטען שטארבען, וואָלט איך כאָטש געלעגען לעבען מיין משה'ן און דיא צרות וואָלט איך ניט אָנגעזעהן....

עטעל פלעגט אויך א זיפץ טאָן און אויפ'ן סוף פלעגען זיך דיא צוויי אלטינקע א נעהם טאָן צו „דיא אמעריקע" און פלעגען צו איהר אויסגיסען דעם גאנצען כעס....

אין א פּאָאר שטונדען ארום פלעגט דיא באָבע באַשע זיך ווידער צושיידען מיט איהר לאנדס פרוי און פלעגט גיין א היים ווידער אין דעם זעלבען וועג פארביי דעם טערק. זיא פלעגט אָפּציילען עטליכע גאסען פון דעם טערק, פלעגט זיך אריינ־קירעווען אין איסט בראָדוויי און דאָרטען פלעגט זיא ווידער אָפּציילען עטליכע גאסען, ביז וואנען זיא פלעגט קומען צו לודלאָוו סט. דאָרטען נעבען א פיש קראָם איז געוועזען ארויסגעהאנגען א גרויסע גאָלדענע פיש, דיא באָבע באַשע פלעגט אָפּציילען וויעדער א פּאָאר הייזער פון דער גאָלדענער פיש און יעמאָלט פלעגט זיא שוין זיין נעבען איהר היים....

וויא אלט דיא באָבע באַשע איז געוועזען האט קיינער אויף זיכער ניט געוואוסט, אפילו זיי אליין אויך ניט.

ווען מען פלעגט ביי איהר פרעגען: „באָבע וויא אלט זייט איהר?" פלעגט זיא נעבען אזא רעכענונג:

— ניט איצטער געדאכט, ניט פאר קיין אידען געדאכט, אויף ווייסטע פעל־דער און שטיינער, פאר דער ערשטער כאָלעריע בין איך מסתמא אלט גיווען פינף יאָהר. און א יאָהר פאר דער ערשטער גרויסע שרפה - איך בין מסתמה א יאָהר דריי־צעהן אלט געווען—האָב איך חתונה געהאט. און נאָך דער אנדערער גרויסע שרפה האב איך שוין געהאט מירעלען. און ווען מיין טאטע, א גוטער בעטער זאָל ער דאָרטען זיין, האט גענומען דיא צווייטע ווייב האָב איך שוין געהאט ברוך'קען. און ווען ברוך'קע איז געשטאָרבען, מוז שוין זיין אויך א יאָהר פערציג. און ווען מיין טאטע איז, ניט איצטער געדאכט, קראַנק געווארען, האב איך געהאט שוין זעלדיע, און ווען ער איז, אונז צו לאנגע יאָהר, געשטאָרבען, בין איך געווען מעוברת מיט חיים'ן...."

איהר גאנצען לעבען האט זיא פארבראכט אין זלידנעווקע מיט איהר מאן ר' משה באַשע ציוויעס, אָדער „משה דעם קרומען", האט געטראָגען, געבאָרען

קינדערלאך, בעגראבען און געהאדעוועט און איז קיינמאל ניט ארויסגעפאהרען פון איהר שטעדטעל. דאס לעבען האט זיך געטראגען פארביי איהר מיט זיינע ליידען און פריידען, אבער באשע האט עס גאר ניט בעמערקט. עס האט געמוזט זיין עפעס א כאלעריע, א שרפה, א מגפה, א חתונה, א קריינק אדער עטוואס אנדערס פון דעם מין, אום באשע זאל דערפיהלען, אז זיא לעבט....

אזעלכע נור עקסטרא זאכען האט דיא באבע באשע געדיינקט, און אין איהר אלטינקען מוח זיינען דיא „זאכען" געוועזען אזוי טיעף איינגעווארצעלט, אז זיא האט ניט געקענט אפטהיילען איהרע יאהרען פון זיי....

צוויי יאהר נאך איהר מאן'ס טויט האבען איהרע קינדער ארויסגעשיקט צוויי שיפסקארטעס פון אמעריקא פאר איהר און פאר זייער לאנדסמאן, וואס זאל זיא ברייננגען נאך אמעריקא.

מיט אמעריקא איז דיא באבע באשע שטארק ניט צופרידען. דיא קינדער זיי־נען ניט פרום, דיא הייזער האבען אלע איין פנים — „הויכע שיבילניצעס, דיא גאסען זיינען מיט אזעלכע טערקישע נעמען, אז אסור אויב מען קען זיי גאר אויס־ריידען". איין נס נור, וואס דער אויבערשטער האט נאך געגעבען שכל דעם מענ־שען און אין א נויט קען ער זיך געפינען א תרופה — למשל, דיא סמנים פון דעם גאלדענעם פיש און פון דעם שווארצען טערק — ווארום ווען ניט דיא צוויי סמנים, וואלט דיא באבע באשע אסור געקענט גיין צו ר' ברוך'ן.

פסח וויל דיא באבע באשע ניט עסען ביי איהר טאכטער. אפילו דיא טאכ־טער מאכט אויך א כשר'ן פסח, אבער דער באבע באשען דאכט זיך, אז דער פסח ביי איהר טאכטער איז ניט גענוג פסח'דיג און דיא טאכטער מיט דיא איבעריגע קינדער זיינען געצוואונגען צו דינגען פסח פיר זייער אלטינקע מוטער ביי ר' ברוך דעם מלמד.

איין יאהר האט דיא באבע באשע געגעסען ביי ר' ברוך'ן פסח, און אלץ איז צוגעגאנגען כשורה, אין פאר א יאהרען, ניט איצטער געדאכט, ווען דיא באבע איז געגאנגען צו ר' ברוך'ן צום ערשטען סדרה, האט זיך געטראפען מיט איהר א גרוי־סער אונגליק.

וועגען דעם אונגליק דערציילט דיא באבע באשע בזה הלשון.

— רבות מחשבות בלב איש — פלעגט זאגען מיין אלטער — א ליכטיגער גן עדן — אז ניט דא געדאכט, פיר קיין אידען געראכט, אז עס איז באשערט אן אומגליק, העלפט ניט קיין חכמות, ברוך השם....

ווער זאל זיך אויף דעם ריכטען? א גאנצען יאהר גיי איך, געלויבט איז זיין

נאמען, צו ר׳ ברוך׳ן — און גאר נישט, און ערב פסח, א שעה פאר׳ן סדר, דארף זיך גאר טרעפען אזא ביטערער אונגליק! מילא, איך בין ארויס אויף׳ן גאס, איך בין צוגעגאנגען צו דיא פיש און האב אפגעציילט, וויא אלע מאל, דריי גאסען און איך בין אוועק....

און געלויבט איז גאט, איך בין טאקע אריין אין דער גאס, וואו עס גייט דער באן מיט פערד. און דארטען בין איך אוועק נאך פיער קרומע גאסען און האב זיך פארקירוועט אין איין קרומע גאס און דארטען האב איך ווידער אפגעציילט פינף קרומע גאסען און איך בין אריין אין דער גאס, וואו ר׳ ברוך וואוינט.

און דא, דוכט זיך מיר, דארף זיין דער טערק. איך הייב אן צו זוכען — ניטא דער טערק! מילא, קלער איך מיר, איך האב אוודאי א טעות געהאט אין דער גאס, און קער זיך אום צוריק און ניי פערביי נאך איין קרומע גאס און זוך ווייטער. ניטא — זוך היינט זיך מארגען — עס איז קיין זמן ניטא פון טערק!.... איך וואלט באטש דערזעהן א אידען און פרעגען ביי איהם — קען מען דאך אויך ניט. ווארום, ברוך השם. ווער קען עפעס דערקענען דא א אידען, אז אלע גייען דא מיט אפגעשמאלעטע מארדעס?.... מילא, איך שטעה און ווארט, טאמער וועט מיר גאט צושיקען וועמען, אבער עס איז קיין סמן ניטא פון א אידען אי, ווינד איז מיר! וואס זאל איך דא טאן? און באלד ווערט שוין שפעט, איך וועל נאך פערשפעטיגען דעם סדר! אויף׳ן הארצען ווערט מיר אזוי פינסטער און ביטער. א תכרית, ברוך השם, איז געווארען פון דיר — קלעהר איך — דוא האסט פערשלעפט דיינע אלטע ביינער אין אזא וויסטע אמעריקא, ניט דא געדאכט, און דא שטעהסטו פאר׳ן ערשטען סדר אין מיטען גאס און גאט וויים, וואס וועט זיין?״ איך קען זיך ניט איינהאלטען און ווייז. דא זעה איך לויפט א איד מיט א שווארצע בארד. „נו, געלויבט איז גאט, קלעהר איך, באטש איינער....״

— ר׳ איד, פרעג איך, זאלט איהר מיר לעבען זיין, קענט איהר מיר אפשר זאגען, וואו האב איך פארבלאנדזשעט?

— דער איד האט זיך אפגעשטעלט, האט א קוק געטאן אויף מיר און פרעגט מיך:

— וואוהין דארפט איהר, באבע?

— איך דארף צו ר׳ ברוך׳ן, וועה איז מיר, ר׳ איד, איך וועל פארשפעטענען דעם סדר, פערדיענט א מצוה.

— וואו וואוינט ר׳ ברוך? פרעגט ער ביי מיר.

לעבען טערק, ר׳ איד, זאלט איהר מיר געזונד זיין. זעהט, פערדינט א מצוה....

דער איד טהוט א קוק אויף מיר און לויפט אוועק.

— ר׳ איד׳ ר׳ איד, האט רחמנות! שריי איך איהם נאך, עס איז אבער נים זיין דאגה!

א צרה איז מיר ניט — וואס זאל איך טאן?

דא גייען צו מיר צוועלף מענשען מיט געשמאלעטע מארדעס, זיי שטעלען זיך לעבען מיר אפ און פרעגען מיך אויף אידיש.

— באבע, וואס שטייט איהר דא?

און איך וויין מיט ביטערע טרערען און ענטפער זיי:

— אויב איהר האט נאך א אידעשע הארץ, פערדיענט א מצוה: האט רחמנות אויף אן אלטע אידענע!

— וואס ווילט איהר, באבע? פרעגען זיי.

— ווינד איז מיר איך האב פערבלאנדזשעט.

— וואוהין דארפט איהר! באבע?

— האט רחמנות, וויזט מיר, וואו ר׳ ברוך וואוינט, ער איז א זלידנעווקער בעל הבית, א מלמד און וואוינט לעבען טעיק. וויזט מיר, וואו דער טערק איז, פערדיענט א מצוה!

דיא געשמיילעטע מארדעס האבען זיך הויך פאנאנדער געלאכט (זאלען זיי, גוטער גאט, לאכען מיט קרומענעס!) און איינער פון זיי מאכט צו מיר:

— עס איז א צו וויטער דרך, באבע, צו פאהרען אין ארץ ישראל.

און דער צווייטער:

— נאך פסח וועלען מיר מיט אייך פאהרען.

און דער דריטער:

— אן עבירה דא צו לאזען דיא קנידלאך, באבע.

און דא האבען זיך ארום מיר ארומגעקליבען א גאנצע רעדעל ווייבער, מאנסביל און קינדער, זעהן, וויא איך וויין, און לאכען פון מיר.

ווינד איז מיר! און דא איז געקומען א פאליצמאן, איינער האט איהם עפעס געזאגט און האט געוויזען מיט פינגער אויפ׳ן שטערן....

דער פאליצמאן פרעגט ביי מיר עפעס.

איך ענטפער איהם אויף גויעש:

— פאנאצעק, צטאב בוך וואס זדראַוויע דול, בקאזיטע מניע, גדיע ברוך איז זלידנעווקא יאָקאָלא טורקא....

אלע האבען זיך הויך פאנאנדערגעלאכט, דיא שדים! דער פאליצמאן נעהמט מיך אן פאר'ן האנד און, הויבט מיך אן צו שלעפען און לאכט. דיא קינדער לויפען נאך אונז נאך מיט א „אורא". איך פארשטעה, אז ער וויל מיך נעהמען אין פאליציי און הייב אָן צו שרייען צו דיא געשמיילעטע מארדעס און צו דיא ווייבער:

— אידען! גוואלד, ראטעוועט מיך פון גויעשע הענד!

און זיי לאכען, און דער פאליצמען שלעפט מיך.

בקיצור מי האט מיך געבראכט אין פאליציי און דאָרטען האבען זיך ארום מיר ארומגעקליבען נאך פאליצמאנס, האבען געלאכט פון מיר, און דאָ איז, ברוך השם, געוואָרען שפעט נאכט.... איך וויין, נימ איצטער געדאכט, אויף מיין ביטערען מזל.... דארטען, אין פאליציי, איז געווען א פאליצמאן, וואס האט גערעט אידיש ער האט מיך גענומען אויספרעגען. איך האב גענומען וויינען פאר איהם;

— איך בין אן עהרליכע פרוי; איך האב גאָר נישט געגנב'עט, זאל מיר גאָט אזוי העלפען. איך בין נור געגאנגען צו ר' ברוך דעם מלמד, וואס וואוינט לעבען טערק, און האב פערבלאנדזשעט, איז געקומען א פאליצמאן און האט מיך צוגענומען. סטייטש פאר וואָס?

— וואו וואוינט ר' ברוך? פרעגט ער נאך א מאָל.

— לעבען טערק, ענטפער איך.

דער פאליצמאן לאכט ווידער זיך פאנאנדער.

— און וויא זעהט אויס דער טערק?

— וו א זאל ער אויסזעהן — זאג איך — אַט וויא א טערק.

גייט ער אויך ארום אין טערקישע קליידער?

— וויא אזוי, זאג איך, קען ער ארומגיין? ער איז דאָך פון האָליץ.

דער פאליצמאן האט ווידער גענומען לאכען און האט עפעס געזאגט דיא אנדערע פאליצמאנס — און זיי האבען אויך גענומען לאכען. נאכדעם איז דער פאליצמאן, וואָס האָט גערעט אידיש און דער פאליצמאן, וואָס האט געבראכט מיך אין פאליציי, אוועק מיט מיר ווידער אין גאס זוכען דעם טערק.

מיר זיינען געגאנגען און געגאנגען ביז מיר זיינען געקומען אין א גאס דא איז געשטאנען א קראָם מיט א צעטעל אויף'ן טיר. דיא פאליצמאנס זיינען צוגעגאנגען צום קראָם, האבען א קוק געטאן אויף'ן צעטעל, און דער פאליצמאן, וואָס האָט גערעט אידיש, האט מיר געזאגט:

— אָט דא איז געווען א טאבאק־קראָם נאך נעכטען, איז דאָ געווען דער טערק? איך האב גענומען קוקען, ערשט מיין טאכטער, זאל געזונד זיין, לויפט שוין מיר אנטקעגען.

דא איז מיר ליכטיג געוואָרען אין די אויגען; איך האב אזש זיך פאנאנדער־געוויינט פון שמחה.

— וואו ביסטו געווען, מאמע? עטעל איז געקומען און האט געזאגט, אז דוא ביזט ניט געקומען צום סדר, לויפען מיר ארום דיא גאנצע צייט דיך זוכען. מיר האבען פערשטאנען, אז דוא האסט פערבלאנדזשעט, ווייל דער קרעמער מיט'ן טערק האבען זיך איבערגעקליבען אין אנאנדער גאס....

און איך? איך האב געוויינט פון שמחה....

April —97, New York.

באבע באשע אין אידישען טהעאטער.

מזל טוב אייך, לעזער! באָבע באשעס א'ן אייניקעל, חוה'לע, זאָל געזונד זיין, דיא עלטערע טאָכטער פון חנה'לע, זאָל לעבן זיין, האט דאנקען גאָט, געהאט תנאים מיט בערל קלמן הירשעלס—אין „דיא אמעריקע'' א העמדען־ניהער און פון דער היים פון א גרויסען יחוס—ניט צופערזינדיגען....

און נאך א מאל אייך מזל טוב: דיא באָבע באשע האט צום ערשטען מאָל אין איהר לעבען געזעהען א „טרייאטער''....

אויף מאָרגען נאך דיא תנאים האט בערל איינגעלאדען דיא כלה מיט איהר הויז־געזינד צו גיין אויף זיין רעכנונג אין אידישען טהעאטער— עס האט זיך געשפּילט א בעריהמטע שטיק פון נאך מעהר א בעריהמטען פּראָפעסאָר.... דיא באָבע באשע האט געהאט ביז איצטער א פאָרשטעלונג וועגען א טהעאטער וויא וועגען א זווע־רינעץ—וואו עס געפינען זיך פערשידענע זעלטענע חיות. און דאס האט דיא באָבע באשע געוואוסט נאך פון איהר אַלטען, א ליכטיגען גן־עדן, אז אויף א חיה און אויף א גוטען אידען איז א מצוה צו מאבען א ברכה.... קיין גוטען אידען, ברוך השם, האט זיא ניט אָנגעזעהן אין איהר לעבען און חיות קען זיא יע זעהן איצטער, נו, געלויבט איז גאָט, כאפּען נאך א מצוה—אין דיא אמעריקא, ברוך השם, וואלגערן זיך ניט קיין מצוה'ס אין גאס....

בקיצור, דיא באָבע באשע איז געגאנגען אין טהעאטער און... קיין פיערפיסיגע חיות האט זיא דאָרטען ניט געזעהן, דערפאַר.... אוי, ס'רא אנדערע חדושים דיא באָבע באשע האט דאָרטען געזעהן! זיא איז געזעסען צווישען איהר טאָכטער חנה'לען און צווישען איהר אייניקעל חוה'לען, האט געגלאָצט מיט דיא אויגען, האָט זיך געוואונדערט, האט געקליבען נחת און געהאט עגמת נפש....

וועגען דאס אלעס האט דערציילט דיא באָבע באשע אויף מאָרגען איהר לאנדספרוי עטקען בזה הלשון:

אָ', עטעל, אָי קריינעלע-הארצעלע, ניט דאָ געדאכט, אויף וויסטע פעלדער און וועלדער זאָל מען דאָס זעהן, ריבנו של עולם, וואָס איך האָב דאָרטען געזעהן! קיין גוי אסור טאָר מען דאס ניט ווינשען אזעלבע צרות, צעהען מאָל ניט דאָ געדאכט!....

איך האב געמיינט, כ'ווי.... אז דאס איז עפּעס א זווערינעץ.... איך האָב אפילו געהערט, אז מיין חוה'לע פלעגט א מאָל זינגען א ניגעלע פון טהעאטער — האב איך זיך געטראכט, כ'ווי, מסתמה איז דאָרטען אויך דאָ מענשען חוץ חיות, וואס זינגען, כ'ווי.... קיין לייבען און אנדערע חיות איז דאָרטען א סימן ניטאָ, דערפאַר עטעל, אָי א דונער איז מיר ניט, ס'רא צרות איך האָב זיך דאָרטען אָנגעזעהן! אָי דיא אמעריקע, פערשרפ'עט זאל זיא ווערן, זאָל מען דאָס זעהען אויף אונזערע שונאים, דערבארימיגער גאָט, וואס מי זעהט זיך דאָ אָנ'עט....

מילא, מיר זיינען ארויס פון דער היים און זיינען דורכגעגאנגען פיעל קרומע גאסען און מיר זיינען געקומען אין א ברייטע גאס. אין דער ברייטער גאס גייט איין באַן אויף א דאך אין דער הויך און נאָך באהנען אויף דער ערד אונטען. און מיר זיינען געקומען צו א גרויסען מויער מיט רויטע לאַנטערנעס און דאָרטען איז, קיין עין הרע, געשטאַנען א פולע מענשען און מי האט זיך געשטופּט צום מויער-צו.

מי האט מיך שיר ניט דערשטיקט, און געלויבט איז זיין נאמען, איך האב זיך מיט דיא קינדער, זאָלען געזונד זיין, וויא עס איז דורכגעשטופּט און מיר זיינען, גאָט צו דאנקען, אריין אינוויינינ און האבען זיך געזעצט אויף שטולען.

און דאָרטען, מאַמעלע, וואָס'רא עולם עס איז געווען! איך בין נשתומם געווארען—איך האב דאָס גאָר אויף מיין לעבען ניט געזעהן! בעקלעהר זיך נור עטעל, עס איז דאָרטען געווען אזא עולם, אז מענשען האָבען זיך ארויפגעדראפּעט אין דער הויך כמעט ביז באלקען און האבען פון דאָרטען געלאַסקעט און געשריען, אז איך בין שיר ניט אַדורייעט געוואָרען.

און דאָ, ניט ווייט פון אונז, זיינען געזעסען כלי זמר און האבען געשפּיעלט

פרייליך אזוי וויא נאך א חופה, און ביי דיא וועגד האבען געבערענט אזוינע גלעזע־לאך מיט פייערלאך, וויא אין דיא גרויסע קראמען.

און לעבען דיא כלי זמר איז געשטאנען א וואנד מיט אויסגימאלטע מענשען און חיות.

איך פרעג תנהלען, זאל געזונד זיין, אויב זיא וויים וויא צו מאכען א ברכה איבער חיות און זיא קוקט אריין אין עפעס א געדרוקט שטיקעל פאפיר און רעדט פארחשק'ט מיט איהר חתן—עס איז שוין אזא וועלט, ברוך השם — און ענטפערט מ'ר נים. און דא איז פלוצים געווארען פינסטער: דיא פייערלאך אין דיא גלעזעלאך זיינען אויסגעגאנגען; דיא כלי זמר האבען אין דער פינסטער נים געוואלט שפילען, האבען זיי אוועקגעלייגט זייערע פידלען, און דער עולם, וואס האט זיך ארויפגע־דראפעט אויבען, האט נאך שטארקער גענומען שרייען. וואס דען? מי קען, זאל גאט אויסהיטען, זיך נהרג'ן פון אזא הויך אין דער פינסטער...

און דא האט זיך פלוצים אפגערוקט דיא וואנד מיט דיא אויסגעמאלטע מענשען און חיות....

אין דארטען איז געזעסען לעבען א טיש א שיינער איד אין אן אטלעסענע זופעצע מיט א פיינער בארד און פאות'ן, אן אסאבע א איד, און האט געלעהרענט מיט חשק גמרא.

וואס זאל איך דיר לייקענען, עטעל, געלויבט איז גאט, אק'ראט וויא איך וואלט דערזעהן דעם גן עדן פאר זיך. א קאטאוועס, וואו הערט מען עפעס תורה, ברוך השם, אין דיא אמעריקא נים דא געדאכט. און ער לערענט מיט אזא ברען, מיט אזא חשק, אז זיינע ווערטער קריכען מיר עפעס אריין אין הארצען און דארטען צוגיכען זיי זיך איבער אלע איברים. רבונו של עולם, חוה'לעס קינדער, ווען דוא וועסט איהר באשערען, זאלען לערנען דיא תורה כאטש, מיט א העלפט חשק.

איך פרעג חוה'לען זאל געזונד זיין, ווער איז דער פרומער איד און זיא זאגט מיר, אז דאס איז ר' שלמה זלמן דער שניפישאקער רב.

גו, ט־אכט איך מיר, געלויבט איז גאט דערפאר, וואס אזוינע פרומע אידען זיינען כאטש דא אין דיא אמעריקא.

און דא איז אריינגעקומען א מיידעל, דאס הייסט, ר' שלמה זלמנ'ס טאכטער, שרה. שיין איז זיא וויא דיא זיבען זונען—דיא שכינה פשוט רוהט אויף איהר. און ער איז אזוי טיעף געווען אריינגעטאן אין דער תו"ה, אז ער האט זיא גאר נים גע־זעהן. זיא האט זיך אוועקגעשטעלט לעבען איהם און האט איהם אנגעריהרט פאר'ן פלייצע און ער האט זיא דערזעהן און האט זיא גענומען קושען

הער נאָר, עטעל, עס איז דאָך עפּעס ניט אזוי שיין, וויא קלערסטו, צו קושען א דערוואקסענע טאָכטער פאר אזא־ נ׳עולם, קיין עין הרע ניט, נאר מסתמא ווייס ער וואס ער טהוט—א רב וועט ניט טאָן, וואס מען דארף ניט.

און דא איז דער רב אוועקגעגאנגען און זיין טאכטער שרה איז געבליעבען אליין אין קאמער און האט עפּעס גענומען טענה׳ן און ברעכען מיט דיא הענד און קלאגען, אז איך האב געמיינט, ניט איצטער געדאכט, אז איך וועל בלייבען פון הארץ־ווייטאג.

איך פרעג ביי חנה׳לען, זאל געזונד זיין, פאר וואס וויינט זיא, און חנה׳לע דערציילט מיר, אז זיא האט זיך, צעהן מאל ניט דא געדאכט, פארליאָפּעט אין חיים׳קען אברהם׳ל דעם בעדערס זוהן.

אי, ניט איצטער געדאכט, איך האב געמיינט, אז דיא גאל וועט ביי מיר פּלאַצען, זאל ער אויסהיטען! סטייטש, סטייטש, אזא מיידעל, אזא גאלד, אזא בורליאנט — דעם רב׳ס, זאל געזונד זיין, א טאכטער, זאל גאר אריינקריכען אין אזא קליפּה — א פארליאפּענעש גאר אויף איהר קאפּ! אי דיא אמעריקע, ניט גע־דאכט זאל זיא ווערן!

און דא קומט צוגיין א געשמיילעטע מארדע, דעם בעדער׳ס זון, און אז זיא דערזעהט איהם, ווערט אין איהר אזוי דיא קליפּה אויפגעקאכט, אז זיא פערגעסט זיך גאר אויף וואס׳ער וועלט זיא איז, ניט דא געדאכט, און בפני קלאם ווידע (כל עם ועדה) כאפּט זיא איהם קושען.

איך האב געמיינט, אז ניט איצטער געדאכט אז איך וועל אראב פון מוח.—

— העזעה׳ניקעס האב איך גענומען שרייען, א ניכפּה אויף אייך—איך וועל גיין זאגען ר׳ שלמה זלמנ׳ען, זאל געזונד זיין! און חוה׳לע און בערעלע און חנה׳לע האבען מיך דא אנגיכאפּט פאר דיא הענד און הייסען מיר שווייגען, ווארום עס איז ניט שיין צו שרייען אין טרייאטער און ווילען מיר נאך איינשמועס׳ן, אז דאס איז אויף צו פלייסען.... האסטו געהערט, עטיל, אויף צו פלייסען, אז איך זעה אליין מיט מיינע אויגען, אז ניט דא געדאכט, אז זיא קושט איהם און ער, דער ממזר, פאר־שרפה׳ט זאל ער ווערן דארטען, וואו ער איז, קושט זיא און זיי ווילען מיר נאך איינריידען, אז דאס איז אויף צו פלייסען....

איך גיב דעם ממזר מיט דיא העזה׳ניצע, וואס מיר איז אויפ׳ן הארצען און זיי קושען זיך אלץ, און דיא קינדער מיינע, זאלען געזונד זיין, הייסען מיר שווייגען, און דער עולם, וואס זיצט לעבען מיר, שרייט עפּעס אויף צו מיר און לאכט און איך גיב, איך שעהם זיך ניט, וויא דוא זעהסט מיך לעבען, עטעל. הקיצור, עטעל,

איך האב אזוי לאנג זיי גיגעבען, דיא העזה'ניקעס, ביז וואנען זיי האבען פארדוקט דיא וואנד.

— אט דארטען, אהינטער וואנד, שריי איך צו זיי, קענט איהר טאן, וואס איהר ווילט, כאטש שלאגט זיך קאפ אן וואנד. אבער בפרהסיה, שטייטש בפרהסיה א ניכפה אויף אייך!....

און דא האט דער גאנצער עולם גענומען שרייען אויף מיר און זידלען זיך און מיין חנה'לע, זאל לעבען זיין, זאגט מיר, אז מיר זאלען שוין בעסער גיין א היים און חוה'לע מיט בערעלען וועלען דא בלייבען ביז שפעטער.

און איך בין אוועק מיט חנה'לען א היים.

— פארשטעהסטו, טעל, ענדיגט באבע באשע — וואס'ארע צרות, ניט דא געדאכט, פיר קיין אידען געדאכט, איז איז דיא אמעריקא! אויף ווייטע פעלדער און וועלדער זאל מען דאס זעהן, גוטער גאט!....

April —97, New York.

וויכטיגע דרוק פעהלערען.

מען דארף לעזען.	געדרוקט.	שורה.	זייטעל.
ברייטע.	ברייתע	25	7
יאנקלעו.	יאקלען	17	8
דערהערט.	דערהרט	1	11
טאטענס	טאטען	6	14
און דיא סארע	אי דיא סארע	13	29
פארקעהרט.	פארקעהרם	18	55
פון	פו	4	64
חיה	חייה	20	57
גאלאָן.	גלאָז	31	83

RIVINGTON PHARMACY,

JULIUS HAMMER, Prop.

300-304 RIVINGTON ST.,

COR. LEWIS STREET, NEW YORK.

Prescriptions carefully prepared by Competent Pharmacists.

ריווינגטאן פהארמאסי,

300-304 ריווינגטאן סטריט, קאר. לואיס סט., ניו יארק.

...... רעצעפטען ווערדען זארגפעליג פערפערטיגט פון דיא בעסטע פארמאציסטען.

יוליום האממער, פראפרייטאר.

Rabinowitz & Enteen,

„WURST.„

DELICATESSEN ....

and Lunch Room,

278 BROOME ST., N. Y.

Families supplied at their residences at Wholesale Prices.

טרינקט די קאלומביא טהעע

אנערקענט

אלס דיא בעסטע טהעע

אין דער וועלט.

181 דיוויזיאן סט.,

ניו יארק.

ג. זייקין

גיט לעסאנס אויף וויאלין.

גוטע און שנעלע מעטהאדע.

343 גרענד סטריט, 2 פלאאר

יהודא קאצענעלענבאגען, בוכהענדלער,

אללער האנד

ספרים, לעהר־ביכער, ראמאנען, א. ז. וו.

גרעסטער אויסוואהל—געמעסיגע פרייזען.

66 קאנאל סטריט, ניו יארק.

פרייע דאקטאר בעהאנדלונג

ביי אגוטע פראקטיצירטע אייראפעאישע אונד אמעריקאנישע
דאקטורים איז צו בעקומען אין דיא

מאנהעטטען פארמאסי פרייע דיספענסארי

298 איסט בראדוויי,

קארנער סקעממיל סטריט, נויארק.

יעדען טאג פון 9 ביז 11 אוהר פריה, פון 2 ביז 4 אוהר נאכמיטטאגס,
און פון 7 ביז 10 אוהר אבענדס. פאציענטען ווערדען בעהאנ־
דעלט אזוי וויא ביי א גוטען דאקטאר אין פריוועט
אפפיס גאנץ אהן געלד. זייער ביליגע פרייזען ווערדען גערעכענט פיר דיא מע־
דיצין. צוא ארמע קראנקע, וועלכע קעננען דיא בעט ניט פערלאססען, ווירד א
דאקטאר צו הויז געשיקט אומזאנסט.

Manhattan Pharmacy Free Dispensary

298 EAST BROADWAY, Cor. Scammel, NEW YORK.

A. KATZ, Ph. G., Proprietor.

MANDELKERN,

PORTRAIT PHOTOGRAPHER,

45 Canal Street, New York.

MODERN PHOTOGRAPHY AT ITS BEST.

AB. HERMAN, LEADER

Good Music Furnished for all Occasions at
Reasonable Rates.

60 Montgomery Street, New York.

PALEY'S

PHOTOGRAPHY GALLERY,

141 Division Street, New York.

בילדער פון יודישען רעבבס און הערבערט קעססאן
זיינען ביי אונז צו פערקויפען.

הארקאווי׳ס

יידיש-ענגלישעם

ווערטערבוך

(דאס צווייטע פון דעם ענגליש-יידישען).

א גרויסעס ווערק, אין וועלכען עס קומען אלע יידישע ווערטער נאכ׳ן אלף-בית ערקלערט אין ענגליש. דאס איינציגע מיטעל פיר דיא, וואס קענען נאר יידיש, אויסצוגעפינען ענגלישע ווערטער אדער אויסדריקע צום רעדען אדער שרייבען. פיין געדרוקט אויף רעגאל-פאפיער און געבונדען אין שעהנע, גע-פרעסטע לייוועגטענע טאוולען.

פרייז 3 דאלאר (מיט פארטא.)

צו בעקומען ביי דעם פערפאסער,

ALEXANDER HARKAVY,

130 Madison St., New York, N. Y.

דיא שענסטע דרוק ארבייט

מיט דיא נייעסטע סטיילס שריפטען ווערט געמאכט אין דער

יוניאן פרינטינג קאמפ.

151 איסט בראדוויא, נויארק.

אלע ארדערס ביי מייל ווערדען פינקטליך בעזארגט.

מ. ראפאעל און י. יאזעפזאהן, אייגענטהימער.

ארבייט פיר יוניאנס, לאדזשען און חברות צו מעסיגע פרייזען.